STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05192

OYF'N GRUNT FUN YAM

P. Koenig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. קעניג.

אויפ'ן גרונט פון ים

יידיש: י. ש—ר אָ.

פארלאג / ב. שימין /

ווארשע. 1921.

DRUK. SZ. SIKORA I I. MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

פאָרוואָרט.

אויפֿן גרונט פֿון ים״ איז אייגנטלאַך אַ בוך מיט אַ פּאָליטישער באַפאַרבונג. עס ווערט דאָ געוויזן פֿאַר דער וועלט די הויכע מדרגה פֿון דער דייטשישער טעכניק, וואָס איז אייגג צוזאַמענגעקניפּט מיטן וואונדערלאַכן פּאַטריאָטישן גייסט פֿונם דייטשישן פֿאָלק.

סיי די מערקווירדיקע נסיעה פֿון דער דייטשישער אונטערוואַסערשיף, וואָס האָט געפֿירט פּראַכט פֿון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע און פֿון אַמעריקע צוריק קיין דייטשלאַנד, און סיי דאָס בוך, וואָס קעניג, דער קאַפּיטאַן פֿון דערדאָזיקער שיף, האָט וועגן דעם אָנגעשריבן, באַרירן אַ פּאָליטישע סטרונע ביים לעזער אין האַרצן. אָבער נישט-געקוקט דערויף, איז דאָס בוך „אויפֿן גרונט פֿון ים״ איינס פֿון די אינטערעסאַנטסטע ביכער, וואָס ווערן

געלייענט מיט גרויס שפּאַנונג און אינטערעס.

די פּאָליטיק ווערט סוף-כּל-סוף פאַרגעסן, ווי עס ווערט פאַרגעסן דער צוועק פון דערדאָזיקער נסיעה, אָבער אין זכּרון ווערט איינגעקריצט דאָס בילד פון אַ הייפל מענטשן, וואָס האָבן גע- נומען דעם ים, אָט דעם מוראדיקן אומרוהיקן ריז, נישט פון אויבן, נישט פון דער אויבערפלאַך, נאָר פון אונטן, פון דעק, פון גרונט, פון דער שוואַרצער שאול-תחתיה-מלוכה. זיי האָבן גענומען דעם ים נישט פאַרן קאָפּ, נאָר פאַר די פיס...

אַ מענטש קאָן אַלץ!

דידאָזיקע דריי ווערטער לויפן צוזאַמען מיט דעם לעזערס מחשבה, בשעת ער פאַרטיפט זיך אין די זייטלאַך פונם בוך. און דער מענטש זעט שוין נישט אויס, ווי אַ קליין פינטעלע, וואָס האָט זיך מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן געדרוקט לאַנגזאַם פאַרויס אויפן גרונט פון ים. ער צעוואַקסט זיך, דער מענטש, און צושפּרייט זיך און זיין אייגענער וואונדער איז נישט קלענער פאַרן אַלטן וואונדער פון ים.

אַ מענטש קאָן אַלץ!

און דער מענטש האָט געזיגט. די גאַנצע וועלטשרפה, דער מורא- דיקער וועלטקריג ווערט עפּיס קליין און נישטיק קעגן דעם היי- פעלע מענטשן, וואָס האָבן געוויזן, אַז זיי קאָנען באַלעבאַטעווען אין שאול-תחתיה, אויפן אומבאַקאַנטן, געפערלאַכן און סודותפולן גרונט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

פאַר דער יוגנט האָט אַזאַ בוך גאָר אַ באַזונדער ווערט: עס באַרייכערט די פאַנטאַזיע, דערוואַרימט דעם אונטערנעמונגסגייסט,

מאַכט דרייסטער דעם געדאַנקענגאַנג, צעיאָגט די בלוטן אין די אָדערן און—דאָס איז דאָס ווילכטיקסטע—דערהויבט און קרעפטיקט דעם גלויבן אין מענטשן.

פון דעם רעיון: אַ מ ע נ ט ש ק אָ ן אַ ל ץ, פֿאַלט די יוגנט אויף דעם געדאַנק:

א י ך קאָן אַלץ! א י ך ו ו ע ל אַלץ קאָנען...

ק.

קאַפּיטל איינס.

וויאַזוי זיינען מיר געקומען צו „או-דייטשלאַנד"?*) דאָס וואָלט געווען לאַנג צו דערציילן. מיט די וויכֿטיקסטע פּרטים דערפֿון וועלן די לייענער זיך באַקענען שפּעטער, אויף דעם געהעריקן אָרט.

דער געדאַנק צו בויען אַן אונטערוואַסערשיף, נישט פֿאַרן דירעקטן מלחמה-ציל, נאָר אַלס פּראַכֿטשיף, איז געוויס געווען דער ווילן צו פֿאַרניכֿטן די קראַפֿט פֿון דער פֿיינדלאַכֿער בלאָקאַדע אַרום דייטשלאַנד. דער אונטערנעמונגסגייסט פֿונם סוחר האָט זיך דאָ פֿאַרייניקט מיט דער געניאַלער פֿעיקייט פֿונם טעכֿניקער.

הײַנט קאָן מען נאָך גאָרנישט פֿאָרויסזאָגן, וואָס פֿאַר אַ געוואַלטיקע איבערקערעניש די פּראַכֿטשיפֿן אונטערן וואַסער וועלן מוזן אַרויסרופֿן אין דער וועלט. מעגלאַך, אַז די גאַנצע פֿלאָט-מלחמה וועט אָננעמען אַ נייע געשטאַלט; מעגלאַך, אַז מען וועט מוזן אַרויסגעבן נייע אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן בנוגע דעם מסחר אויף די ימים און דער גאַנצער סחורה-אויסטויש וועט דעריבער געענדערט ווערן. עס זעט אויס, ווי די מענטשהייט זאָל שטיין פֿאַר אַ נייער עפּאָכֿע פֿון איר געשיכֿטע.

מען זאָגט אפֿילו, אַז שוין פֿריער פֿאַר אונז זיינען קאַנאַדישע אונטערוואַסערשיפֿן געגאַנגען אויפֿן אַטלאַנטישן ים. וואָס איז עס אָבער פֿאַר אַ גלייכֿעניש מיט אונזער פּראַכֿטשיף! זיי זיינען זיך געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פֿון טאָרפּעדאָשיפֿן, וועלכֿע האָבן זיי געקאָנט פֿאַרטיידיקן, אונזער שיף אָבער האָט קיין שום גע-

---

*) די אונטערוואַסערשיף פֿון קאַפּיטאַן קעניג האָט געהייסן „או-דייטשלאַנד".

ווער נישט געהאַט און איר איינציקע פאַרטיידיגונג אין פאַל פון אַ פיינדלאַכן אָנפאַל, איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס זי האָט זיך תּיכף־ומיד אַראָפגעלאָזן אונטערן וואַסער. וואָס דאָס הייסט אָבער פאַר אַזאַ גרויסער שיף ווי די „או־דייטשלאַנד" מיט איר הונדערטפינפאונצוואַנציקטויזנט פוד משא,—דאָס קאָן זיך פאָרשטעלן אפילו אויך דער, וואָס איז ווייניק באַקאַנט מיט דער טעכניק פון דער שיפעריי.

און דעריבער, ווען מען האָט מיר געמאַכט דעם פאָרשלאָג איבערצונעמען די אויפגאַבע, אַלס קאַפיטאַן צו פירן די אונטערוואַסערשיף „או־דייטשלאַנד" קיין אַמעריקע, איז מיר די זאַך פאָרגעקומען משוגעדיק ניי; איך בין אָבער געווען אַן אַלטער שיפסקאַפיטאַן און די זאַך האָט מיך דעריבער שטאַרק צוגעצויגן. כ'האָב זיך תּיכף באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג.

אָבער פריער מוז איך דערציילן, וויאַזוי די „או־דייטשלאַנד" האָט מיך באַקומען אַלס קאַפיטאַן.

אינמיטן סעפטעמבער 1915 בין איך געווען אין בערלין אין מיינע אייגענע אָנגעלעגענהייטן. מיין שיף „שלעזוויג" האָב איך שוין לאַנג געמוזט פאַרלאָזן, ווייל די דייטשע שיפן זיינען זיך געלעגן פאַרשפאַרט אין זייערע האַפנס; אָבער די פאַרוואַלטונג פון דער שיפסקאָמפּאַניע פון „נאָרדדייטשן לאָיד" האָט געוואוסט, וואו איך געפין זיך. און אָט באַקום איך אין אַ געוויסן אָוונט ביי זיך אין האָטעל אַן איינלאַדונג צו קומען תּיכף אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס צום הערן לאָמאַן פון ברעמען.

איך בין געווען איבעראַשט. איך האָט געוואוסט, אַז הער לאָמאַן איז געווען דער שעף פון אַ גרויסן ברעמענער האַנדלסהויז און איך האָב אים אויך געקענט פערזענלאַך, אַמאָל האָבן מיר זיך געזען אין סידניי (אויסטראַליע), וואו דער „לאָיד" האָט געהאַט אַן אַגענטור.

אָבער וואָס האָט הער לאָמאַן געקאָנט האָבן פאַר אַ געשעפטן מיט מיר איצט, אינמיטן דער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשע שיפן זיינען אַלע געלעגן איינגעשפאַרט אין פאַרשידענע האַפנס? אַ דייטשע שיפעריי קיין אויסטראַליע האָט מען איצט בשום אופן

נישט געקאָנט איינאָרדנען און אויפן באַלטישן ים האָט לאָמאַנס פירמע נישט געהאַט קיין האַנדלסבאַציונגען. וואָס-זשע קאָן מען איצט פאַרלאַנגען פון אַן אַלטן קאַפּיטאַן, וועלכער פאָרט תמיד אין מזרח-אַזיע, צו אַמעריקע, אָדער אויפן מיטללענדישן ים?

אָט וואָס פאַר אַ רעיונות איך האָב געהאַט, בשעת איך בין געגאַנגען צום הער לאָמאַן.

ה' לאָמאַן האָט מיך באַגריסט זייער פריינטלאַך און האָט אָנגעהויבן פירן אַ לאַנגן שמועס; ער האָט דערמאָנט אונזער באַגעגעניש אין סידניי און זיך נאָכגעפרעגט, ווי איך שפיר זיך איצט „אויף מיין אָפּרו״ אינדערהיים; פלוצלונג האָט ער מיך אַ פרעג געטון, צי וואָלט איך געוועזן אַ בעלן ווידער צו מאַכן אַ ווייטע נסיעה...

וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע, איך — אַן אַלטער האַנדלסקאַפּיטאַן, וועלכער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין שיף אין אַ ווייטן פיינטלאַכן לאַנד און ליגט איצט אַליין, ווי אַ צובראָכענע שיף אויפן זאַמד, בשעת ביים אַרויסגאַנג אין ווייטן ים אַריין לויערן די פאַרשאָלטענע פיינטלאַכע קרייצערשיפן און אפילו פיר מייל ווייט אַרום ניו-יאָרק מוז די אַמעריקאַנישע פּאָסט זיך לאָזן רעווידירן און פון די נייטראַלע שיפן נעמט מען די פּאָסט אַראָפּ?...

האָב איך אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און געשוויגן.

און אָט האָט לאָמאַן ווידעראַמאָל דאָס מויל געעפנט. ער האָט מיר אָפן דערקלערט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק איינצואָרדנען אַ „ליניע אונטערן וואַסער צווישן דייטשלאַנד און אַמעריקע״ — ס׳הייסט, אַז ער וויל לאָזן אויסבויען אונטערוואַסערשיפן, וואָס זאָלן, געהיים פאַרן פיינט, קורסירן צווישן דייטשלאַנד און אַמעריקע, פירן סחורות אַהין און צוריק. דערביי האָט ער מיך געפרעגט, צי וויל איך איינשטימען איבערצונעמען די פירונג פון דער ערשטער אונטערוואַסערשיף. דער מאַרשרוט דאַרף זיך ציען קיין ניופאָרט-ניוס. פון מיינע פריערדיקע נסיעות קיין באַלטימאָרע בין איך דאָך גוט באַקאַנט מיט דער טיפקייט

פון וואַסער אַרום די אַמעריקאַנישע ברעגן. צי בין איך אַלזאָ אימשטאַנד צו בריינגען אַזאַ אונטערוואַסערשיף צום אַמעריקאַנישן פּאָרט, ווען די שיף וועט פאַרטיק ווערן.

מיר האָט אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן.

כ׳בין קיינמאָל נישט געווען קיין פריינט פון לאַנגע דבורים און אָט האָב איך תּיכף געענטפערט: „יאָ! פאַר אַ מאַן פון פינפאונפערציק יאָר, וועלכער האָט שוין פאַר דער מלחמה גאָרנישט געטויגט, איז דאָך דאָס געוויס עפּיס ווערט! עפּיס־וואָס וועל איך דאָך פּאָרט קאָנען אויפטאָן”.

—ה׳ לאָמאַן—האָב איך אויסגערופן—אויב די שיף וועט ווירקלאַך פאַרטיק ווערן, האָט איר מיך מיט די הענט און מיט די פיס!

און די שיף איז ווירקלאַך פאַרטיק געוואָרן.

עס זיינען אַריבער קנאַפּע צוויי חדשים, ווען איך האָב פלוצלונג דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון ברעמען צו קומען תּיכף אַהין וועגן אַ „וויכטיקן ענין”. און אָט האָט ער מיר דאָרט באַוויזן פּלענער, סקיצן און קאָנסטרוקציעס פון אַזאַ עשירות אין קונסט און טעכניק, אַז ס׳האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן.

ווידער זיינען פיר חדשים אַריבער. איך האָב דידאָזיקע צייט שוין נישט פאַרבראַכט אין גיין ליידיק, איך בין געקומען קיין קיעל אויף דער שיפס־פאַבריק אין גאַאַרדען און אָט האָב איך דאָרט דערזען דעם וואונדערלאַכן שטאָלענעם בנין, וויאַזוי ער היינגט כמעט אינדערלופטן. די געשטאַלט פון אַ לאַנגער ציגאַר, גאַנץ אומשולדיק און איינפאַך. אינעווייניק אָבער האָב איך דערזען דעם געוואַלטיק קאָמפּליצירטן מעכאַניזם, וואָס זיינע פּלענער און סקיצן האָב איך נאָך פריער באַוואונדערט. איצט איז עס שוין געלעגן כמעט פאַרטיק. איך קאָן נישט זאָגן, אַז די אויסגעפירטע ווירקלאַכקייט האָט געמאַכט די זאַך פאַרשטענדלאַכער, ווי זי האָט אויסגעוויזן אויפן פּאַפּיר, וואו זי האָט אויסגעזען ווי אַן אונענדלאַכע נעץ פון ליניעס, פונקטן און שטריי־

כֿעלאַך, וועלכֿע האָבן ממש מבלבל געמאַכֿט דאָס אויג און דעם פאַרשטאַנד.

די, וועלכע האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַטראַכטן אין די אילוסטרירטע בלעטער, וויאַזוי עס זעט אויס די „צענטראַלע", אָדער דער „טורם" פון אַן אונטערוואַסערשיף, וועלן אודאי פאַר־שטיין, וויאַזוי איך בין אַנטציקט געוואָרן, ווען איך האָב באַ־טראַכט מיט מיינע אויגן דעם וואונדערלאַכֿן בנין, באַרירענדיק אים מיט די הענט, און די, וואָס האָבן ממש געגאַפט, בשעת זיי האָבן געזען אויפן בילד דעם געוואַלטיקן מיש-מאַש פון רעדער, ווענטילאַטאָרן, שרויפן, קראַנען, רערן און רעדלאַך, ווען זיי האָבן געזען די וואונדערלאַכֿסטע אַפּאַראַטן און הויבאייזנס, וואָס יעדערער פון זיי האָט דאָך אַ העכסט וויכֿטיקע באַשטימונג און באַדייטונג פאַר דער גאַנצער שיף און דער מעגלאַכֿקייט צו מאַכֿן מיט איר די נסיעה, ווי אויך זיך אונטערצוטוקן און אַרויסצו־הויבן זיך צוריק פון וואַסער אַרויס,—קאָנען זיין זיכֿער, אַז אויך איך בין ווי מבולבל געשטאַנען פאַרן געוואַלטיקן מעכֿאַניזם.

אָבער ווען מען האָט אָט דעם פּראַכֿט-בנין אַראָפּגעלאָזן אין וואַ־סער און ער האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט אין אַ מאַיעסטעטי־שער באַוועגונג, האָט ער דעמאָלט אויסגעזען, ווי אַ געוויינלאַכֿע שיף, וואָס איז זיך רעגלמעסיק געשוואומען און עס האָט זיך געדאַכֿט, אַז דערדאָזיקער בנין איז געבאָרן געוואָרן אין וואַסער.

איך בין צום ערשטן מאָל אַרויפגעקומען אויפן שמאָלן דעק פון שיף און פון דאָרט אויפן טורם און אויף זיין פּלאַטפאָרם. פון דאָרט האָב איך אַראָפּגעקוקט און בין נשתומם געוואָרן: אונטער מיר האָב איך געזען אַ לאַנגע, שלאַנקע שיף מיט גראַציעזע ליי־ניעס און מיט פּראַכֿטיקע פאָרמען. נאָר ביי די זייטען, דאָרט, וואו דער גרינער קערפּער האָט זיך דערהויבן איבערן וואַסער, האָט מען געקאָנט באַקומען אַ באַגריף, ווי געוואַלטיק ס'מוז זיין דער טייל פון דעם בנין, וואָס ליגט אונטערן וואַסער.

מיט שטאָלצער אַנטציקונג האָט מיין אויג געקוקט אויף דעם גאַנצן באַשעפעניש, וואָס האָט זיך לייכט געשאָקלט אויפן וואַסער,

פאַרייניקנדיק די העכסטע קראַפט מיט דער גרעסטער מאָס פון שיינקייט,

איצט האָב איך שוין געוואוסט: דאָס, וואָס איך האָב פריער באַטראַכט אַלס אַ פאַנטאַזיע פון אַ טעכניקער, איז געלעגן פאַר מיר ווי אַ ווירקלאַכקייט, ווי אַ שיף, צו וועלכער אַן אַלטער שיפס-קאַפיטאַן קאָן זיך צובינדן מיטן גאַנצן האַרצן.

און איך האָב אַנידערגעלייגט מיין האַנט אויפן טורם פון „או-דייטשלאַנד" און געשוואָרן אייביק צו זיין איר געטריי.

אָט אַזוי האָט מיך באַקומען די „או-דייטשלאנד" און איך בין געוואָרן קאָמאנדיר פון דער ערשטער פראכטשיף, וואָס דארף מאכן איר נסיעה אונטערן וואסער.

קאַפּיטל צוויי.

און אָט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ מערקווירדיקע צייט. טאָג־טעגלעך האָבן מיר אָנגעהויבן מאַכן פּראָבע־נסיעות אונטערן וואַסער אַרום די ברעגן, פון איין ים־אַריינגאַנג צום צווייטן. יעדערער פון אונזערע אויסגעוויילטע מאַטראָזן האָט אויסגעצייכנט גוט געוואוסט, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.
מען האָט געמוזט באַקומען די פעיקייט צו מאַנעווירן מיט דער פיינסטער און קאָמפּליצירטסטער שיף, דער העכסטער פּראָדוקט פון די פיינסטע מאַטעמאַטישע אויסרעכנונגען און פאָרמולן און פון דער גרעסטער קינסטלערישער אויספירונג. מען האָט געמוזט זיך באַקענען מיטן וואונדערלאַכן מעכאַניזם און וויסן, וויאַזוי אים צו באַהערשן. מיר האָבן באַדאַרפט קאָנען צווינגען די שווערע מאַסע פון הונדערטפינפאונצוואַנציקטויזנט פּוד שטאָל צו געהאָרכן אונזער ווילן, אַזוי, אַז ווען מיר ווען נאָר אַ דריק טאָן אַ שרייפעלע, זאָל די שיף זיך אָנהויבן דרייען, מאַנעווירן, זיך אַרונטערטונקען אין וואַסער, זיך אויפהויבן אויף דער וואַסעראויבערפלאַך און פליען פאָרויס אָדער צוריק, ווי מיר ווילן און באַפעלן.

מיר האָבן זיך אויך באַדאַרפט איבערצייגן, אויף וויפיל מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אָט דעם שטאָלענעם קערפער און זיין מעכאַניזם, אויף וויפיל מען קאָן האָבען צוטרוי צו זיינע מאַשינעס און צו זייער קראַפט און וויסן אויך זיינע חסרונות, אויב ער האָט זיי נאָר. מען האָט ענדלאַך געדאַרפט וויסן, צי האָבן מיר דאָ טאַקי צו טאָן מיט אַ באַשעפעניש, וואָס איר נאַטור איז ענלאַך צו דער נאַטור פון אַ פיש...

אַן אונטערוואַסערשיף איז קאַפּריזנער ווי אַ פרוי און באַליידיקט זיך לייכט, ווי אַ פערד אויף ווישטשיגעס. ס׳קאָן זיך האָבן גאַנץ גוטע מעלות, אָבער אויך גרויסע חסרונות; ס׳קאָן זיך לאָזן פירן, ווי אַ לייכט יאַכטשיפל, אָבער ס׳געהאָרכט נאָר דעם, וועלכער קאָן זיך זייער געגוי מיט אַלע אירע טעכנישע אייגנשאַפטן.

אָט אַזוי זיינען מיר מיט איר אַרומגעשוואומען וואָכנלאַנג אויפן וואַסער און אונטערן וואַסער, אָן אויפהער זי שטודירט און אויסגעפאָרשט און אַלץ מער און מער אַריינגעדרונגען אין אירע סודות.
און ווען מיר פלעגן קומען צוריק פון אונזערע שטילע נסיעות אין דער שיפּספאַבריק ביים געוואַלטיקן געפילדער פון די דאָרטיקע מאַשינעס און די דונער-קלעפּ פון די האַמערס, פלעגן מיר אָפּזיצן שעהן לאַנג מיטן אינזשעניער-קאָנסטרוקטאָר פון אונזער שיף און איבערגעבן אים אונזערע דערפאַרונגען. אויף אַזאַ אופן פלעגט טיילמאָל אַרויפשוואומען אַ נייער געדאַנק וועגן אַן אויסבעסערונג, אָדער עפּיס אַ נייע המצאה, וואָס דאַרף געבן דעם מעכאַניזם פון דער שיף אַ נייע אייגנשאַפט.
ס׳איז גאָר אוממעגלאַך פאַר מיר אָפּצושאַצן, וואָס פאַר אַ גרויסן נוצן איך האָב געהאַט פון אָט דער אַרבעט צוזאַמען מיטן אינזשעניער און מיט די קאָנסטרוקטאָרן פון דער פאַבריק. אומאויפהערלאַך האָבן זיי אונז געהאָלפן אויסצופרובן די וואונדערלאַכע באַשעפעניש מיט אַלע אירע גלידער. אינם טאָג פון אונזער אָפּפאָרן איז דער געניאַלער אינסטרוקטאָר פון דער שיף, אויבערינזשעניער ערבאַן, אַליין אַרויסגעפאָרן צו אונזער אַנקערפּלאַץ, אָנטיילצונעמען אין דער לעצטער פּראָבע: מיר האָבן זיך באַדאַרפט אונטערטונקען אין ים.
„אור-דייטשלאנד איז באלאָדן געוואָרן מיט אלערליי סחורות פון א זייער הויכן ווערט, די סחורות זיינען פארפאקט געוואָרן אין די פאר זיי באשטימטע אָפּטיילונגען. מען האָט צום לעצטן מאָל רעווידירט געגוי די שיף און אָנגעגרייט פּראָוויאנט פאר א לאנ-

גער נסיעה. לסוף האָבן מיר איך געזומען צוגרייטן גראַמאָפאָן־פּלאַטן...

אַזויאַרום האָבן מיר געזיכערט אַלע אונזערע באַדערפענישן און „אור־דייטשלאַנד" איז פאַרטיק געוואָרן צו דער רייזע.

אויך מיר זיינען גרייט געווען. מיר האָבן זיך שוין צוזעגנט מיט אונזערע היימישע און פריינט. פאַר אַזאַ געפערלאַכער נסיעה איז דאָס זעגענען זיך זייער נישט קיין אָנגענעמע זאַך. די לעצטע האָבן זיך געזעגנט מיט אונז די אַרבעטער פון דער שיפּספאַבריק. דאַן האָט מען אויפגעהויבן דעם לייטער, יעדער פון מיינע לייט האָט פאַרנומען זיין באַשטימט אָרט און איך אַליין בין אַרויף אויפן טורם. איך רוף אויס: אַכטונג! און הויב אויף די האַנט: די גרויסע שעה איז געקומען.

—אָפּבינדן די שטריק!

—אָפּגעבונדן!

—„שאַרלאָטע" אָפּשלעפּן!

דער מאַשינען־טעלעגראַף אויפן קליינעם שיפל „שאַרלאָטע" קלינגט, די שיף ציט־אָפּ לאַנגזאַם די שטריק פון אונזער „אור-דייטש־לאַנד" צו דער פאַבריק.

—אָפּבינדן די בוג-שטריק!

—אָפּגעבונדן!

און די לעצטע שטריק פאַלן־אַריין אין שמוציקן ברעגוואַסער מיט געררויש. איצט זיינען מיר שוין אינגאַנצן פריי. איך נעם מיין רופּאָר*) און רעד צו דער צענטראַלע:

—באַקבאָרד-מאַשין מיט האַלבער קראַפט צוריק!

—שטייערבאָרד־מאַשין לאַנגזאַם פאָרויס!

—רודער צוואַנציק שטייערבאָרד!

—רודער ליגט צוואַנציק שטייערבאָרד!

אויך די ענטפער פון די מאַשינען־אָפּטיילונגען קומען געשווינט צוריק אַרויף.

אויפן טורם, וואו איך שטיי נעבן דעם רודערער מיט זיין

---

*) רופּאָר—אַ טרייבל, דורך וועלכן מען באַקומט די באַפעלן.

קליינעם האַנט-ראָד, באַמערקט מען קוים, אַז די מאָטאָרן האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן; מען זעט אָבער, אַז דאָס וואַסער אַרום דעם שרויף האָט אָנגעהויבן אָנקוועלן פון אונטן אַרויף און טרייבט די שיף פאָרויס. איך דערקען אַלזאָ, אַז די מאַשינען האַלטן אין גאַנג. לאַנגזאַם דרייט זיך דער גרינגער וואַלפיש־רוקן פון אונזער שיף; תחלת לייגט זיך די שיף עטוואָס קווער, דאַן גייט זי אַ ביסל פאָרויס און בלייבט שטיין און דאַן גייט זי ווידער פאָרויס.

—ביידע מאַשינען סטאָפ!

לאַנגזאַם גייט די שיף עטוואָס צוריק. איך כאַפ געשווינט אַ קוק אַרום. מיר האָבן גענוג אָרט צו מאַנעווּרירן. לאָז איך גיין ביידע מאַשינען, מיר דרייען זיך ווידער, מיר קומען פאַרביי דער וואַנט פון דער פאַבריק, וואו ס'בויט זיך אַ גרויסע פראָנט-שיף, דאַן לאָז איך פריי דעם רודער און גיב אַ באַפעל:

—מיט ביידע מאַשינען, העכסטער קראַפט, פאָרויס!

די שיף הויבט זיך אָן ריטמיש צו באַוועגן אונטער דער קראַפט פון די מאַשינען, דאָס וואַסער אַרום דעם שרויף פליסט־אָפ פאַרשוימט צוריק, מיר פאָרן שנעלער און אָט קומען מיר ארויס פונם שמוציקן ברעגוואַסער. מיר גייען צוערשט דורכן קייזער־ווילהעלם־קאַנאַל צום טייך וועזער, וואו מען נעמט־אַרויף נאָך סחורות. אויף אַ ספּעציעלן שיפל ברייגנט מען אונז די שיפספאַפירן און די קוריערפּאָסט און שטיל און אומבאַקאַנט פאַר דער וועלט טרעט־אַרויס די ערשטע פראַכט־אונטערוואַסערשיף, פאַר וועלכער ס'איז נישטאָ קיין שום בלאָקאַדע, אין איר ווייטער נסיעה אויפן אָפענעם ים, אין דער פרייהייט פון די ימים.

קאַפּיטל דריי.

דער צפון־ים באַגריסט אונז מיט זיינע שטילע כוואַליעס. דאָס וועטער איז קלאָר און דער ווינט בלאָזט פון צפון־מערב. איך שטיי מיט מיין ערשטן וואַך־אָפיציר אויפן טורם אין דער „באָד־וואַנע”, ווי מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן די פעסטע שוץ־וואַנט, וועלכע ציט זיך אויף דער פּלאַטפּאָרמע און זעט אויס ווי אַ שיין שיפל. פאַר איר געפינט זיך דער אויבערשטער אָרט פאַרן שטייער, אָבער מען קאָן אים באַנוצן נאָר אין אַ גוטן וועטער.

מיר טראָגן היינט לייַן־מלבושים, ווייל דער ים טרייבט שוין כוואַליעס און ער קאָן אונז טיף דורכנעצן*). דער דעק פון שיף איז שטענדיק פאַרגאָסן מיט וואַסער און דאָס וואַסער שטויסט זיך אָן אויף די ווענט פון טורם. איך האַלט דעם רופאָר צו דער צענטראַלע, וואו ס'געפינט זיך דער רודערער, וואָס גיט איבער מיינע באַפעלן אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג דורכן טעלעגראַף. ס'הערט זיך אַ געוויש. דער פאָדערטייל פון שיף טוקט זיך, דאָס וואַסער פאַרגיסט אלץ אַרום; מען מוז געשווינט פאַרמאַכן אַלע עפענונגען און פעסט האַלטן זיך אין די לייַן־מלבושים ביי דער טורם-וואַנט. אַזאַ מין גימנאַסטיק מוז מען דורכמאַכן יעדע פאָר מינוט.

דער ווינט רוישט, מיר שטייען און קוקן ווייט־ווייט. הינטער אונז זיינען שוין פאַרשוואונדן געוואָרן די דרום־מזרח-ברעגן פונם

---

*) מען דארף געדענקען, אַז ווען דאָס אונטערוואַסערשיף איילט זיך אויפן וואַסער, שטעקט זי אַרויס פון וואַסער, זייער ווייניק אַזוי, אַז די קלענסטע כוואַליעס באַ־שווינקען זי.

לאַנד; די טאָרפּעדאָ־שיף, וואָס באַגלייט אונז, איז נאָך בלויז די איינציקע שיף, וואָס פאַרייניקט אונז מיט דער היים.
באַלד קומען מיר נענטער צו דער ערשטער קייט פון דער דייטשער פאָדערשטער פּאָזיציע. מיר באַוואַכונגסשיפן פאָרן פאַרביי און סיגנאַליזירן: „אַ גליקלאַכע רייזע!" אונזער געטרייער באַגלייטער קומט־צו נענטער. זיינע מאַנסלייט רופן־אויס פריילאַך: „הו-ראַ!" די אָפיצירן אויבן באַגריסן אונז, צולייגנדיק די האַנט צום דאַשעק און מיר—צוויי איינזאַמע מענטשן—ענטפערן־אָפּ אויף דער באַגריסונג פון טורם אַראָפּ. דאַן גיט זיך אַ בויג אויס די זייטיקע שיף, קערט זיך אום, ווערט קלענער און קלענער און פאַרשווינדט ווייט־ווייט מיט איר פלאַטערנדיקער פאָן.
איצט זיינען מיר שוין גאָר אַליין און מיר פאָרן אין דער וועלט אַריין.
איך לאָז זיך אָבער נישט אַריין אין לאַנגע און טיפע רעיונות. אונז שטייט פאָר אַ סכנה פון אַלע זייטן און איך מוז קודם-כל האָבן די זיכערקייט, אַז די שיף געפינט זיך אין אַ גוטן צו-שטאַנד און אַז זי איז אימשטאַנד זיך אונטערצוטוקן אין וואַסער אין יעדן מאָמענט.
איך גיב אַ באַפעל:
„מאַכט זיך גרייט זיך אונטערצוטוקן!"
באַלד הויבן אָן פליען באַפעלן און מעלדונגען פון טורם אין דער צענטראַלע הין און צוריק, יעדער לויפט צו זיין פּאָסט. די אייל-מאָטאָרן קלאַפּן נאָך אין זייער ווילדן טאַקט, אָבער אָט לאָז איך קלינגען די אַלאַרם־גלאָק און שפּרינג־אַריין אין טורם. די עפע-נונג צום טורם ווערט געשלאָסן, די איילמאָטאָרן שטעלן זיך אָפּ. אין מאָמענט שפּירט מען אַ לייכטן דרוק אין די אויערן. מיר זיינען פון דער אויסנוועלט שוין גאָר אָפּגעשלאָסן און ס'ווערט טויט־שטיל. אָבער דאָס איז נישט קייןווירקלאַכע שטילקייט, דאָס איז נאָר אַן איבערגייענדיקער מאָמענט, ווייל באַלד דערהערט זיך דער באַפעל:
—געעפנט די אונטערטונק־קלאַפּאַנען! אָנפילן די רעזערוואואַרן מיט וואַסער.

דאָס, וואָס הויבט זיך איצט אָן איז אַזוי שטאַרק און גרויס, אַז מען פאַרגעסט עס מער קיינמאָל נישט, ווען מען האָט עס נאָר איינמאָל איבערגעלעבט.

ס'עפענען זיך די ווענטילאַטאָרן פון די רעזערוואַרן מיט געפרעסטער לופט. די לופט רייסט זיך אַרויס פון דאָרט מיט אַ פייפעריי; די קלאַפּאַנען אָטעמען האַסטיק; די לופט רייסט זיך אַרויס אַלץ מער און מער און מען שפּירט, ווי עס דריקט אין די אויערן. באַלד אָבער ווערט די אויסאָטעמונג רעגלמעסיקער, אָבער איצט קומט־צו אַ פייפעריי און אַ גערויש; אַלע מאַשינעס גיבן אַרויס פון זיך וואונדערלאַכע קלאַנגען און עס דאַכט זיך, אַז דאָס זינגען ווילד אַ כאָפּטע טייוולאָנים און דאָך קומט־פאָר אָט די הודזשעריי און פייפעריי ווי עפּיס אַ שטילקייט נאָכן לאַרם און געפילדער פון די האַמערס און איילמאָטאָרן; דערפאַר דרינגט עס אַריין טיפער אין דער נשמה און רייצט שטאַרקער די נערוון. מיר ווייסן איצט, אַז דער מעכאַניזם פון דער אונטערטוקעניש האַלט אין דער רעכטער אַרבעט. ער זשומעט און זינגט אויף אַלערליי קולות; די טענער ווערן דיקער און מיר שפּירן, אַז אָנשטאָט דער געפרעסטער לופט הזיבן אָן אַריינצודרינגען געוואַלטיקע כוואַליעס אין די רעזערוואַרן. די שיף ווערט שווערער, הויבט אָן זינקען און אונז דאַכט זיך, אַז דאָס ווערן מיר אַליין שווערער און מיר פאַלן טיף אין ים אַריין...

ווען מיר וואָלטן איצט געקאָנט זען, וואָס עס קומט־פאָר דרויסן, וואָלטן מיר געשטאַנען פאַר אַ געוואַלטיק בילד: מאַסן וואַסער פאַרגיסן איבן די שיף, אַרום אונז שווימען פלוצלונג אויפגעקאָכטע כוואַליעס און פאַרגיסן שוין אויך דעם איבערשטן טורם. מיר בלייבן איינגעהילט אין אַ מין אָן בין־השמשות, נאָר אונזערע געטרייע עלעקטרישע לאָמפּן לייכטן. איצט איז שוין גאָר שטיל געוואָרן, מען הערט נאָר דעם ריטמישן גאַנג פון די עלעקטרישע מאַשינעס.

און אָט קומט ווידער דער קאָמאַנדע־באַפעל:

—גיין אויף צוואַנציק מעטער!

—ביידע מאַשינעס מיט האַלבער קראַפט, פאָרויס!

אויפֿן מאַנאָמעטער קאָן איך זען, ווי טיף מיר געפֿינען זיך אין וואַסער. דורכן אַריינלאָזן וואַסער אין די רעזערוואַרן האָבן מיר די שיף שווערער געמאַכט, פֿון דער מאַסע וואַסער וואָס וואָלט, אַ שטייגער, פֿאַרנומען דעם אָרט פֿון אונזער שיף. און אונזער שיף איז, ווי אַ פֿיש אַראָפּ אין וואַסער אַריין, ריכטיקער, זי פֿאַלט צום גרונט. צוגלייך אָבער אַרבעטן אונזערע עלעקטרישע מאָטאָרן און טרייבן די שיף פֿאָרויס, נישט דערלאָזנדיק אַזוי־אַרום די שיף צו פֿאַלן נאָך טיפֿער. ווי נאָר מיר געפֿינען זיך אין דער געווינשטער טיפֿקייט (צוואַנציק מעטער אונטערן וואַסער), הויבן מיר אָן מיט דער הילף פֿון דער מאַשין צוריק אַרויסצושטויסן אַ טייל וואַסער פֿון די רעזערוואַרן, ביז מיר דערגרייכן אַזוי־אַרום אַ באַשטימט געוויכט פֿון דער שיף. צום גרונט וועט זי שוין נישט גיין, נאָר זי וועט זיך האַלטן שטענדיק אין דער פֿאַרלאַנגטער טיפֿקייט. דאָס גערויש פֿון די פּאָמפּעס דערווייזט אונז, אַז מיר קומען אין דער געווינשטער טיפֿעניש. דאַן הערן־אויף די פּאָמפּעס זייער אַרבעט און עס אַרבעטן בלויז די עלעקטראָמאָטאָרן, וואָס טרייבן די שיף ווייטער פֿאָרויס. פֿון דער צענטראַלע באַקום איך די מעלדונג:

—מיר געפֿינען זיך ביי אַ טיפֿקייט פֿון צוואַנציק מעטער!

—די שיף גייט פֿאָרויס!

מיר פֿאָרן אַלזאָ אין אַ טיפֿעניש פֿון צוואַנציק מעטער, דערביי זיינען מיר, נאַטירלאַך, בלינד און נאָר דער קאָמפּאַס ווייזט אונז די ריכטונג פֿון דער נסיעה און דער מאַנאָמעטער ווייזט אונז, ווי טיף מיר געפֿינען זיך אין ים. דער שפּאָקטיוו ווירקט פֿאַר אונז שוין לאַנג נישט, אויך די רער, דורך וועלכער מיר קאָנען אַרויסקוקן אויפֿן וואַסער, איז שוין לאַנג פֿאַרמאַכט געוואָרן, מיר זיינען פֿאָלקאָם אָפּגעשלאָסן פֿון דער וועלט און מיר געפֿינען זיך, ווי דער נביא יונה, אין בויך פֿון אַ פֿיש.

און אָט דערהאַלט איך מעלדונגען פֿון אַלע אַכט אָפּטיילונגען: פֿון דער צענטראַלע, פֿון דער מאַשינאָפּטיילונג, פֿון שפּיץ, פֿון פֿאָדערטייל, פֿון געפֿעקטייל, פֿון עלעקטרישן טייל א. אַ. וו. אַלץ

איז אין דער בעסטער אָרדנונג. ווי אַ פיש, קאָנען מיר שווימען ווייטער.

נישט שטענדיק איז עס אָבער אַזוי לייכט צו האַלטן אַזאַ גרוי-סע שיף אויף אַ באַשטימטער טיפקייט. קומט מען אַריין אין אַ מער געזאַלצענעם וואַסער-פּאַך, וואָס וועגט שווערער, זינקט די שיף, פאַרשטייט זיך, אַנדערש. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער טעמפּעראַטור פון וואַסער: וואַרים וואַסער וועגט לייכטער, קאַלט וואַסער—שווערער. ווי וויכטיק דאָס איז, קאָן מען זען פון דעם: דער אונטערשייד צווישן דער געזאַלצנקייט פון וואַסער און ממילא אויך דער אונטערשייד פונם געוויכט אין באַלטישן ים און אין צפון-ים איז, דאַכט זיך, נישט גרויס, נעמלאַך, זיי פאַרהאַלטן זיך, ווי 1013 טויזנטלאַך צו 1025 טויזנטלאַך. אָבער ביי אַ שיף, וואָס איז אַזוי גרויס ווי „או-דייטשלאַנד“, איז שוין אָט דער אונטערשייד געוואַלטיק: כדי צו קאָנען זיך אונטערטונ-קען אין צפון-ים, מוזן מיר שווערער מאַכן די שיף מיט הע-כער טויזנט פוד, ווי אין באַלטישן ים, אַנדערש וועלן מיר נישט זינקען. דאָס אייגענע איז אויך מיטן וואַסער אין די ים-אויס-גוסן, וואו די טעמפּעראַטור איז וואַרימער און דאָרט גיסט זיך אַריין פון די טייכן פיל זיס-וואַסער. דאָרט איז דאָס וואַסער פיל לייכטער און ווען מיר זאָלן אַריינלאָזן אין די רעזערוואו-אַרן אַזוי פיל וואַסער, ווי אין צפון-ים, דאַן וועלן מיר גאָר נישט פאַלן צום גרונד. מען זעט אַלזאָ, אַז מען דאַרף דאָ האָבן גרויס געניטקייט, כדי צו וויסן, וואו און וויאַזוי מען האָט צו זינקען.

אונזער טונק-פּראָבע איז אונז געלונגען אויסגעצייכנט. אַלץ פונק-ציאָנירט זיכער און מיר קאָנען רוהיק געוועלטיקן איבער אונ-זערע אַפּאַראַטן.

איך גיב, אַלזאָ, אַ באַפעל אַרויפצוהויבן זיך אויפן וואַסער. די רודערס אַרבעטן און עס אַרבעטן אונזערע לופט-פּאָמפּעס, און ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ווייט אַרום הערט זיך נישט קיין גערויש פון אַ שיף און ס'איז נישטאָ קיין שום געפאַר פון אַ פיינטלאַכן צוזאַמענשטויס מיט אונז ביים אַרויפקומען אויפן וואַ-

סער, הויבן מיר אָן צו שטייגן אַרויף אויף דער וואַסער-אויבערפלאַך. מען דאַרף באַמערקן, אַז דער „בלינדער מאָמענט", ס'הייסט, דער מאָמענט, ווען מען זעט נאָך גאָרנישט אויפן וואַסער און מען דאַרף זיך אַרויסהויבן פון אים, קאָן ווערן זייער געפערלאַך, אויב מען זאָל זיך אָנשטויסן מיט אַ שיף. געוויינלאַך הויבט מען זיך אויף זייער לאַנגזאַם און מיטן זע-ראָר אָבסערווירט מען דאָס וואַסער, ווען מען געפינט זיך נאָך אונטערן וואַסער*). דאָס געדויערט אַ קורצע צייט: איך שטיי ביים זע-ראָר און לויער אויפן ים. דער ים ווערט פאַר מיר אַלץ ליכטיקער; ווי זילבערפערל דערשיינען פאַר מיר די לופט-שטראַלן; אין שפיגעלע הויבט עס אָן בליצלען און איך זע, ווי דער שטח ים איז באַלויכטן ווייט-ווייט ביזן אונענדלאַכן האָריזאָנט.

איך דערלאָז, אַלזאָ, אַז די שיף זאָל אינגאַנצן אַרויסקומען פון וואַסער; דורך דער נייער לאַגע פון די רודער הויבט זיך די שיף אַלץ העכער און העכער אוף, כדי דאָס זאָל פאָרקומען געשווינדער, הויבן אָן אַרבעטן די לופט-פאָמפעס. מיר טרייבן אַריין געפרעסטע לופט אין די רעזערוואואַרן, די שיף הויבט זיך געשווינדער, דער טורם איז שוין איבערן וואַסער, דער דעק הויבט זיך אַרויס; מיר עפענען די לופטשיקעס, אין שיף פליסט אַריין פרישע לופט און איך באַפעל:

—אויסבלאָזן מיט די בלאָז-זעק!

ס'דערהערט זיך אַ ווילד גערויש אין דער צענטראַלע, בשעת די בלאָז-זעק טרייבן אַרויס דאָס וואַסער פון די רעזערוואואַרן. דאָס

---

*) באמערקונג פון איבערזעצער: דער זע־ראָר איז אזא שפּאָקטיוו, אין קאנט פון וועלכן ס'געפינט זיך א שפיגעלע, וואָס איז איינגעשטעלט משופּע'דיק אויף א האלבן פּירקאנטיקן ווינקל (פינפאונפערציק גראד). די שטראַלן, וואָס קומען אריין פון שטח פון וואסער אין שפאָקטיוו, שלאָגן זיך אָפּ אינם שפיגעלע אונטן, אזוי־ארום זעט דאָס אויג אינם שפיגעלע אלץ, וואָס עס געשיט אויבן אויפן וואסער און מען קאָן באָאָבאכטן דעם שטח פון ים, ווען מען געפינט זיך נאָך א מעטער טיף אונטערן וואסער.

דוּערט נישט לאַנג. ווי נאָר איין רעזערוואואַר ווערט ליידיק, דערהערט זיך אַ געריוש ביי די זייטן פון שיף, פון וואַנען עס שפּאַרט אַרויס די לופט מיט דער הילף פון די בלאָזזעק. מיר שווימען שוין ווידער נאָרמאַל אויפן וואַסער.

מיר גייען נאָך אַלץ מיט דער הילף פון די עלעקטרישע מאַשינעס. איצט פאַרטוישן מיר זיי אויף די שווערע אייל-מאָטאָרן. איך שטיי שוין אויפן טורם און הער נישט די אונטערשטע קלעפּ פון די מאָטאָרן. ווער אָבער ס'געפינט זיך אונטן אין שיף, דער האָט פאַר זיך אַ שפּאַנענדיק שוישפּיל.

די וואַך-מאַשיניסטן שטייען אויף זייערע פּאָסטנס; ס'הערט זיך די קאָמאַנדע דורכן רופאַר, אַלע זיינען געשפּאַנט. דאַן גיט דער אינזשעניער אַ הילכיקן פייף, אין דער אָפּטיילונג פון די עלעקטראָמאָטאָרן באַווייזן זיך עטלאַכע בלענדליכטיקע, סאַנטימעטער-לאַנגע בליצן: די ערשטע ווענטילאַטאָרן הויבן זיך לאַנגזאַם, ווי נישט ווילנדיק, דאַן שנעלער; ס'הערט זיך אַ ווילדע פּייפעריי, אַ טאָק-טאָק-טאָק, אַן אומרעגלמעסיק געריוש; דאַן ווערן די ווילדע אויפרייסונגען ריטמישער און אַלץ געשווינדער הויבן אָן אַרבעטןביידע מאַשינעס, מיט זייער גלייכמעסיקער האַמערקלאַפּעריי.

די פּראָבע אונטערצוטוקן־זיך האָט זיך געענדיקט, און או-דייטשלאַנד גייט זיך ווייטער; דער ווינט הערט נישט אויף, אָבער דאָס וועטער איז שען און די לופט איז דורכזיכטיק-קלאָר. אין ערגעץ זעט זיך נישט קיין שיף. מיר קאָנען זיך גיין רוהיק ווייטער אויפן וואַסער. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען פאָרזיכטיק. אָט אַזוי ענדיקט זיך דער טאָג.

אָבער די זון גייט אונטער אין פינסטערע וואָלקנס: אויף צומאָרגנס וועט זיין אַ שלעכט וועטער.

קאַפּיטל פיר.

און אַזוי איז עס טאַקי געשען. וואָס ווייטער מיר זיינען אַוועק פון דער יבשה, אַלץ אומרוהיקער איז געוואָרן דער ים. אונזער שיף ווערט שוין היבש געשאָקלט און געשליידערט. שוין ליגנדיק אין מיין קאַיוטע, שפיר איך, אַז אויפן ים גייען הויכע כוואַליעס. אַרום צוויי פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט אַ „הויאָ" אין רו־פאָר, ביי מיר צוקאָפּנס, אין וואַנט. דער וואַכאָפיציר זירינג מעל־דעט, אַז ער זעט אין דערווייטן אַ ווייס ליכט, וואָס דערנענט זיך שנעל צו אונז. איך שפּרינג אַרויס, לויף ווי שיכור דורך דער צענטראַלע, שפּרינג איבערן לייטער דורך דער שמאָלער עפענונג אין טורם אַריין אויף דער פּלאַטפאָרמע.

זירינג ווייזט מיר נישט ווייט פון אונז עפּיס אַ ווייס ליכט, וואָס שיינט צו גיין גלייך אויף אונז. דאָס טאָר נישט דערלאָזן ווערן. מאַכן מיר אַ ליאַרם און הויבן אָן זיך אונטערטוקן. און אָט קומט מיר צום ערשטן דאָס געפיל, אַז אַזאַ מין שנעלער וואַסער־טונק איז זיכער מעגלאַך.

די זאַך איז קלאָר פאַר יעדערן. מיר פאָרן דאָך אין רעכטן מיטן מלחמה, נישט באַוואָפנט און די נאַכט איז שטאַרק פינסטער! דאָס ליכט דערנענט זיך. מעגלאַך אַז דאָס איז אַ פיינט. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום קאָנען אויפבליצן אַ פּאָר שאָסן, אייניקע גראַ־נאַטן קאָנען צעהאַקן אונזער טורם, אַריינשליידערן דעם קערפּער פון שיף אין וואַסער, און דאַן באַדעקט אונז דער ים אויף אייביק...

דאָס געשעט אָבער נישט. איין קורצער באַפעל אין דער צענט-ראַלע, פאַר דרוקן אויף די ווענטילאַטאָרן אין די האַנט-רעדער, און מיר פאָרן זיך אָן שום סכנה ווייטער און מיידן אויס די ברוטאַלע געוואַלט, וואָס קאָן אויפן ים אונז פאַרשפאַרן דעם וועג. אָבער דערדאָזיקער פיינטלאַכער כוח איז אוממעכטיק געגן אונז, ווען מיר געפונען זיך עטלאַכע מעטער אונטערן וואַסער.

זיכער פאָרן מיר שוין אונטערן וואַסער ווייטער ביזן גרויסן טאָג, דאַן הויבן מיר זיך ווידער אַרויס. עס איז שוין גוט ליכטיק, אָבער ס׳גייען אַזעלכע כוואַליעס, אַז אויפן האַרצן ווערט קאַ-לעמוטנע. אינדערווייטן זעען מיר אַ פּאָר פישערשיפן, וואָס אַר-בעטן מיטן ביטערן שווייס. תחלת קוקן מיר אויף זיי מיט חשד, באַלד אָבער דערקענען מיר זייער אומשולדיקן כאַראַקטער און גייען זיך ווייטער—אויפן וואַסער.
די רייזע איז שוין מער נישט קיין תענוג. די שיף שאָקלט זיך אַזוי, אַז מען מוז אַלע זיינע עפענונגען פאַרמאַכן און די לופט ווערט אינעווייניק באַנייט נאָר דורך די ווענטילאַטאָרן. מיינע לייט האָבן שוין אָנגעהויבן ליידן אויף דער ים-קראַנקהייט, טייל פון זיי זאָגן זיך שוין אָפּ פון עסן. אויבן, אויפן דעק ווערט שוין אוממעגלאַך זיך אויפצוהאַלטן, ווייל די כוואַליעס פון ים פאַרפלייצן עס אָן אויפהער. אין טורם איז שוין עטוואָס טרו-קענער, באַזונדערס הינטער דער שוצוואַנט פון דער „באָדוואַנע״. עטלאַכע מענטשן פון דער פרייער וואַך קומען אַרויף צו אונז. זיי האַלטן זיך פעסט אָן די פאָרענצן, שעפּן פרישע לופט און טרייסלען זיך אָפּ, ווען דאָס געזאַלצענע וואַסער באַגיסט זיי פון קאָפּ ביז די פיס.
אָט אַזוי פאָרן מיר אַ גאַנצן טאָג. אינדערווייטן באַווייזן זיך אַ פּאָר דאַמפּפער מיט געדיכטע רויך-וואָלקנס, אַרויסשווימענדיק, ווי פון אונטער דער ערד. מיר וואַכן זיי אויס, נישט אונטער-טוקענדיק זיך. מיר אָפּסערווירן אָבער גענוי זייער קורס, כדי צו וויכן, וואוהין זיי גייען. אַזאַ זאַך איז פאַר אונז דורכויס גוויטיק און באַלד האָט עס אונז טאַקי געבראַכט נוצן, ווי מיר

וועלן עס זען ווייטער.

פאַרנאַכֿט האָט זיך עטוואָס אויסגעלייטערט, ס׳איז געוואָרן ליכטיקער און אויך דער ים איז רוהיקער געוואָרן. די זון איז פאַרגאַנגען אונטער שען באַלויכטענע וואָלקנס.

די גאַנצע פרייע וואַך איז אַרויפגעקומען שעפּן פרישע לופט און רויכֿערן, ווייל דאָס לעצטע איז שטריינג פאַרבאָטן אונטן אין שיף. אַלע שטויכן זיך צוזאַמען אַרום דער באַשיצטער זייט פון טורם, און ס׳דאַכֿט זיך, אַז דאָס האָט אַ מחנה בינען באַלאַגערט און באַדעקט דעם טורם. קיין עטיקעט היט מען נישט אָפּ דערביי, איך לאָז די לייט קאָנען זיך באַציען צו מיר, ווי זיי ווילן, ווייל זיי האָבן גענוג צוליידן אונטן אין שיף.

אַלע קוקן אויפן ווייטן האָריזאָנט. דאָס איז גוט, ווייל וואָס מער אויגן, אַלץ בעסער זעט מען. אונזערע לייט האָבן אַדלער-אויגן. אָט באַווייזן זיך ווייט-ווייט הינטער אונז, שוין בין השמשות, צוויי זעגלען; באַלד דערזען מיר אויך אַ קוימען און נאָכֿדעם דאָס גאַנצע שיף. קוקן מיר זי נאָך מיט דער הילף פון אונזערע גוטע שפּאָקטיוון. מיר ווילן זען, וואוהין גייט דאָס שיף, כּדי מיר זאָלן קאָנען אויסמיידן זי, נישט ברויכנדיק זיך אונטערצוטוקן. באַלד זעען מיר דעם וועג. וואָס באַדייט עס? מיט אַזאַ וועג קאָן דאָס שיף אין ערגעץ נישט קומען.

צי איז עס דען מעגלאַך?...

אויף אַזאַ אופן לויפט דאָך דאָס שיף צום ברעג ערגעץ-וואו אויף אַ פעלז! רוף איך מיין געהילף; איך ווייז אים מיינע חשבונות; מיר קוקן ווידער אין שפּאָקטיוו; מיר האָבן נישט קיין טעות: דאָס שיף גייט אָן אַ וועג. דאָס שיף איז דערווייל געקומען גאָר נאָנט. דער יולי-אָוונט איז קלאָר און דורכזיכטיק, מיר קאָנען לייכֿט באַאָבאַכֿטן. ס׳איז אַ שיינע, מיטלגרויסע דאַמפער מיט אַ נייטראַלער פאָן באַפאַרבט מיט די פאַרבן פון זיין לאַנד. זיין נאָמען אָבער קאָנען מיר נאָך נישט לייענען.

פּלוצלונג רופט אויס מיין געהילף:

—צו אַלדי שוואַרציאָר! ווי אַזוי קומט עס, אַז ער האַלט נאָך אַזוי שפּעט אין אָוונט זיין פאָן; צי איז עס אַ צופאַל? ע, דער

יונג איז מיר עפּיס נישט גלאַט-כּשר!
איך מוז איינשטימען. איך קאָן איבערהויפּט נישט פאַרשטיין, וואוהין ער גייט. פון פאַרגעניגן וועגן גייט מען דאָך נישט שפּאַצירן אין אָוונט, אין מלחמה-צייט, אין צפון-ים! מיר באַדאַכטן זיך, וואָס צו טאָן. דער דאַמפּער האָט אונז נאָך נישט געזען. ער גייט זיך מיט זיין סודותפולן קורס ווייטער. באַשליס איך אָבער זיך נישט אונטערצוטוקן, ווייל אונזער קורס איז אַן אַנדער, ווי דער קורס פון דער שיף.
פּלוצלונג אָבער גיט זיך דער דאַמפּער אַ דריי אויס אָן אַ זייט און לאָזט זיך גיין דירעקט אויף אונז. איצט קאָנען מיר שוין זען, אַז דער כלומרשטער נייטראַלער האָט געגאַרט מיט זיין פאָן און פאַרב, נאַטירלאַך, כדי נאָך בעסער צו מאַסקירן זיך אַלס האַנדלסשיף, און דעריבער מיט מער ערפאָלג זיך וואַרפן אויף ווען מען ברויך. איך שיק בּאַלד אַרונטער מיינע לייט אונטערן דעק און אַלאַרמיר. מיר זיינען גרייט זיך צום אונטערטוקן.

אָבער אָט קומט-פאָר צו אונזער, שטוינונג עפּיס גאָר אומגעריכטעס: ווי נאָר דאָס שיף האָט באַמערקט אונזער באַוועגונג און געזען, אַז מיר טונקען זיך אונטער, האָט זי זיך געלאָזט לויפן צוריק. די שיף האָט זיך פשוט דערשראָקן, מיר זאָלן איר נישט שיקן קיין טאָרפּעדא אין זייט אַריין! דער שיף האָט, נעביך, געהאַט אַ ביטערן טעות. ער האָט געמיינט אונז אָפּצונאַרן אַלס נייטראַלע שיף, אַזויאַרום דערנענטערן זיך צו אונז און שיסן, אָבער אָנשטאָט דעם האָבן מיר זיך גאָר אונטערגעטוקט... אונטערן וואַסער זיינען מיר פאַרבליבן צוויי שעה; דאַן האָבן מיר זיך ווידער אויפגעהויבן און אָפּסערווירט דעם ים. די לופט איז קלאָר. אין דרום האָט זיך באַוויזן די לבנה און דאָס האַלבליכט פון דער זומערנאַכט ווערט נאָך דורכזיכטיקער—קיין דאַמפּער זע איך שוין אין ערגעץ נישט. איך קאָן זיך גיין רוהיק ווייטער. כ׳האָב געמאַכט די גוטע דערפאַרונג, אַז מיר זעען אַלע שיפן פריער ווי זיי אונז.
און דאָס איז עפּיס ווערט!

קאַפּיטל פינף.

איך האָב געהאַט באַשלאָסן, אין די פינסטערע שעהן פון עלף ביז איינס אַ זייגער צו פאָרן אונטערן וואַסער מיט דער קראַפט פון די עלעקטרישע מאַשינעס.
ווען מיר האָבן זיך אונטערגעטוקט פאַרנאַכט נאָכן לאַנגן זומער־טאָג איז קיין ווינט נאָך נישט געווען, אָבער די לופט איז גע־וואָרן לייכטער, און דאָס איז אַ באַוויז, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר האָבן אַ שטורם. אַרום צוויי אַ זייגער פאַרטאָג האָב איך געגעבן אַ באַפעל אויפצוהויבן זיך פון וואַסער אַרויס; באַלד אָבער האָב איך באַמערקט פון דער געוואַלטיקער שיפשאָק־לעניש, אַז אויבן אויפן ים הערשט אַ שטורמווינט. מיר זיינען מיט אונזער שיף שטאַרק אונטערגעשפרונגען, אָבער מיר האָבן זיך געטאָן אונזער זאַך. מיר האָבן דאָס וואַסער פון די רעזער־וואוואַרן אַרויסגעשטויסן און זיינען אַרויף אויפן שטח פון ים.

איך האָב נאָך פון אונטערן וואַסער געהאַט געזען דעם ים דורכן רער, אָבער קיין נוצן האָב איך נישט געהאַט, ווייל די רער פלעגט יעדע מינוט אַריינפאַלן אין אַ באַרגכוואַליע. מיר זיינען ענדלאַך אינגאַנצן אַרויסגעקומען אויפן וואַסער און איך בין אַרויף אינם טורם—וואָס פאַר אַ ים! עס טאַנצט און עס שפּרינגט, אַ מורא אַ שרעק! דער ים זעט אויס ווי אַן אמתער קעסל פון מכשפים. עס שטייגן אַרויף כוואַליעס־בערג, מיט פאַרשוימטע רוקנס, וועלכע דער ווינט וואַרפט פאַנאַנדער ווי אַ שפּריי־רעגן. דאָס

שיף אַרבעט מיט געוואַלטיקע כּוחות, דער דעק איז אײַנגעגאָסן מיט וואַסער באַדעקט, יעדן אויגנבליק גיט דער ים אַ פּראַל-צו צום טורם און באַגיסט מיך מיט אַ שפּריי-רעגן. איך האַלט זיך פעסט אָן דער פּאָרענץ פון דער „באַדוואַנע" און קוק אויפן האָריזאָנט,—ס'איז אַ וואונדערלאַכער האָריזאָנט הינטער די וואַסער-בערג, וועלכע פאַרשטעלן אים אַלע ווײַלע.
איך וויל שוין געבן אַ באַפעל אָנצוהייבן אַרבעטן מיט די אייל-מאָטאָרן, אָבער פּלוצלונג—וואָס איז דאָס?
ס'באַווייזט זיך אַ דונקל פּאַסיקל, נאָר מען זעט נישט קיין רויך-פאָן... אָבער אָט דערהייבט זיך ווידער דער רוקן פון אַ כוואַליע און פאַרשטעלט דאָס שיף. איך וואַרט און קוק דורכן שפּאָקטיוו, אַזוי אָנגעשטריינגט, אַז איך שפּיר אַ ווייטאָג אין די אויגן.
און אָט זע איך ווידער אַ שוואַרץ פּאַסיקל און עס זעט זיך שוין אַ טונקעלע רויך-פאָן... און אָט-אָט,—אַ שפּיץ פון אַ זעגל, דין ווי אַ נאָדל, אָבער איך זע זי אין מײַן שפּאָקטיוו, און איצט—איך גראָב אײַן מײַן אויג אין שפּאָקטיוו, און זע צווישן די כוואַליעס נאָך עפּיס מער. אָ, וואָס איז עס! פיר קוימענס און אַ רויך איבער זיי...
צו אַלדי שוואַרציאָר, דאָס איז דאָך אַ קריגסשיף, אַ צושטערער!

מיט איין שפּרונג בין איך אין טורם.
—פאַרמאַכן אַלע עפענונגען!
—געשווינד זיך אונטערטוקן!
—אַראָפּלאָזן זיך צוואַנציק מעטער טיף!
כ'גיב אָפּ די באַפעלן אין איין אָטעם, אָבער די אויספירונג, ווי אַזוי וועט זי גיין?... ביי אַזעלכע הויכע כוואַליעס איז דאָס אונטערטוקן זיך געשווינד פּשוט אַ שגעון, אָבער וואָס טוט מען? דער צושטערער האָט שוין אונז געוויס געזען, מען מוז זיך אַראָפּלאָזן אונטערן וואַסער און געשווינד, ווי נאָר מעגלאַך.

אין דער צענטראַלע אונטער מיר אַרבעטן שוין אַלע שטיל און האַסטיק. די פּאָמפּעס אַרבעטן, די געפּרעסטע לופט פליט שוין

אַרויס מיט גערויש, די אונטערטוקונגס-ווענטילאַטאָרן זינגען שוין מיט אַלערליי קולות.

איך שטיי מיט צוזאַמענגעפרעסטע ליפּן און קוק דורכן פענסטער פון טורם אויפן שטורמישן ים אַרום און וואַרט מיט אַ פאַרנומענעם אָטעם דעם ערשטן צייכן פון זינקען אין וואַסער. אָבער איך זע נאָך אַלץ אונטער מיר דעם דעק פון שיף, און ווידער דערהויבן זיך כוואַליעס...

מיר טאָרן מער נישט פאַרלירן קיין איינציקן אויגנבליק. איך באַפעל צוצושטעלן נאָך רודערס, וואָס דאַרפן אונדז טרייבן אין דער טיפעניש פון ים אַריין און לאָז גיין בײדע מאַשינעס מיט דער גאַנצער קראַפט...

דאָס גאַנצע שיף ציטערט אונטערן געוואַלטיקן דרוק פון די מאַשינעס, און שפּרינגט ווי שיכּור אין שטורמישן ים געגן די הויכע כוואַליעס. צי וועט עס נאָך אַלץ נישט זינקען? אָ, די מינוטן לויפן, פליען. פּלוצלונג גיט דאָס שיף אַ שפּרונג מיטן נאָז אין וואַסער אַריין; אַלץ מער און מער בויגט עס זיך און לאָזט זיך אַרונטער אין דער טיפקייט. די מאַטאָווע ליכטיקייט פון אויבן פאַרשווינדט. דער מאַנאָמעטער ווייזט מיר שנעל אונזער זינקען אין אַ טיפקייט פון איינס, צוויי, דריי... זעקס... צען מעטער... אָבער ס'ווערט אַלץ מער אויסגעבויגן, עס שטייט שוין כּמעט מיטן קאָפּ אַראָפּ. מיר פאַלן אום, מיר האַלטן זיך קוים אויף די פיס, מיר קאָנען זיך דאָך נישט האַלטן אויף אַזאַ משופּעדיקן באָדן. אַז אָט-אָט בלייבן מיר מיטן קאָפּ אַראָפּ... איך האַלט זיך קוים ביי מיין זע-רער און אונטן, אין דער צענטראַלע, הייבגען שוין כּמעט די מענטשן אויף די רעדער פון די רודערער, וועלכע שלעפּן אונדז אין דער טיפקייט... דאָס דויערט אַזוי עטלאַכע שרעקלאַכע סעקונדן.

מיר ווייסן נאָך אַליין נישט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר געפינען זיך. פּלוצלונג גיט עס אונדז אַ העפטיקן שטויס, מיר פאַלן צום באָדן און אַלץ, וואָס איז נאָר נישט פעסט צו עפּיס צוגעשמידט פאַלט און ווערט פאַנאַנדערגעשליידערט. מיר געפינען זיך אין אַ וואונדערלאַכער לאַגע און קוקן דערשראָקן איינער אויפן

אַנדערן אין טיפער שטילקייט. און אָט גיט, ענדלאַך, אַ זאָג מיין געהילף:

—נו, אָט זיינען מיר אָנגעקומען!

די שרעק-שפּאַנונג פאַרשווינדט. אָבער מיר אַלע זיינען רעכט דערשראָקן. יעדער פון אונז איז טויטבלאַס.

וואָס-זשע איז געשען?

פאַרוואָס האָט די שיף עפּיס פּלוצלונג זיך געשטעלט קאַפּויר? און פאַרוואָס רוישן אונטן אַזוי שטאַרק די מאַשינעס, אַז די גאַנצע שיף נעמט אַדורך אַ געוואַלטיקע ציטערניש?

אָבער נאָך איידער מיר קאָנען זיך רעכט איבערלייגן, דערהויבט זיך אונזער אינזשעניער אויפן מאַשינען-טעלעגראַף און גיט אַ האַק: „סטאָפּ!"

פּלוצלונג איז אַלץ שטיל געוואָרן.

מיר קומען לאַנגזאַם צו די רעיונות: וואָס איז פּאָרט געשען?

די שיף האָט זיך מיט זיין פאָדערטייל אַראָפּגעלאָזן נידריקער אויף אַ ווינקל פון 32 גראַד (לערך אַ דריטל פון אַ גלייכקאַנטיקן ווינקל) און איז כמעט געשטאַנען אויפן קאָפּ. מיר האָבן זיך גע-מוזט אַראָפּלאָזן אין נידריקן טייל און די שיף האָט זיך גע-שאָקלט, ווי אַן אומרו, אַהין און אַהער. דער מאָנאָמעטער האָט באַוויזן אַ טיפקייט פון 15 מעטער.

איך האָב געשווינט זיך קלאָר געמאַכט די לאַגע. אָנגענעם איז זי געוויס נישט געוועזן.

לויט דער מאַפּע, איז דאָ דער ים לערך 31 מעטער די טיף. ביי דער געבויגענער לאַגע פון אונזער שיף, געפינט זיך איין טייל זיינער נאָך געוויס איבערן וואַסער און ער קאָן דעריבער ווערן לייכט אַ ציל פאַר די גראַנאַטן פון דער פיינטלאַכער קריגסשיף. כל-זמן די מאַשינעס אַרבעטן נאָך, מוזן די שרויפן אַרבעטן אינדערלופטן, דאָס מוז אָבער נאָכמער דערוועקן די אויפמערקזאַמקייט פון פיינט. אונזער אינזשעניער האָט דאָס באַלד פאַרשטאַנען און האָט געגעבן אַ באַפעל אָפּצושטעלן די מאַשינעס.

מיר אָבער ליגן נאָך אַלץ אונטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און וואַרטן
אַ ליאַדע מינוט צו הערן, ווי אַ פֿײַנטלאַכֿער גראַנאַט וועט אַ זעץ
טאָן אינם טייל פֿון שיף, וואָס ליגט איבערן וואַסער...
אָט אַזוי זײַנען אַריבער סעקונדן פֿון שרעקלאַכער שפּאַנונג.
קיין אומגליק איז אָבער נישט געשען. שטיל, טויטשטיל איז
אַרום. די שרויפֿן דרייען זיך שוין מער נישט און די קריגס-
שיף האָט, משמעות, גענוג צו טאָן מיט זיך אַליין ביי אַזאַ צו-
בושעוועטן ים מיט אַזעלכע בײַרגכוואַליעס.
ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר איילן זיך שטאַרק אַרויסצוגיין פֿון אונ-
זער משונהדיקער לאַגע. אונזער שיף איז דאָך ככלות הכּל נישט
באַשעדיקט, ממילא וועלן זיך דאָך געפֿינען מיטלען, וויאַזוי די
לאַגע צו פֿאַרבעסערן. די רעזערוואוואַרן, פֿון וועלכע די לופֿט
איז נאָך נישט אינגאַנצן אַרויסגעפּאָמפּעט געוואָרן, ווערן געשווינט
אויסגעבלאָזן און די שיף הויבט אָן, ענדלאַך, זיך אויסצוגלייכן
האָריזאָנטאַליש. איצט ווייסן מיר שוין, אַז די גאַנצע שיף גע-
פֿינט זיך אונטערן וואַסער. מיר קאָנען דעריבער זיך נעמען רוהי-
קער צו דער אַרבעט. מיר שטויסן אַרויס אַ טייל וואַסער פֿון
פֿאָדערשטן רעזערוואואַר, די שיף ווערט אינם דאָזיקן טייל לייכ-
טער און הויבט זיך אויף העכער. מיר מוזן אָבער געשווינט אָנ-
פֿילן מיט וואַסער די אויבערשטע רעזערוואוואַרן, ווייל אַנדערש
וועלן מיר גאָר אַרויפֿשווימען צוריק אויפֿן שטח פֿון ים. ענד-
לאַך, געלינגט עס אונז אַרײַנצוברײַנגען אַ גלײַכגעוויכט צווישן
דעם אויבערשטן און אונטערשטן טייל פֿון שיף. די שיף ליגט
שוין איצט האָריזאָנטאַליש און מיר האָבן זי ווידער אין אונ-
זער מאַכט.
איצט מוזן מיר זיך מישב זײַן וועגן דער לאַגע גענויער. קודם-
כּל די פֿראַגע: וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען מיט אונזער שיף?
פֿאַרוואָס האָט זי זיך פּלוצלונג געשטעלט קאַפּויר? די הויפּט-
סיבה איז, אפֿנים, געווען דער אומרוהיקער ים און אונזער ווילדע
איילעניש. דער פֿאָדערשטער טייל פֿון די רעזערוואוואַרן האָט זיך
אָנגעפֿילט מיט וואַסער, בשעת דער הינטערשטער טייל איז נאָך
געווען פֿול מיט לופֿט. דאָס איז איינס, צווייטנס, האָבן די רו-

דער צו-שנעל געשלעפּט די שיף צום גרונט. אָבער געליטן האָט אונזער שיף נישט. מעגלאַך, אַז נאָר דער באָדן פון ים אין דעם אָרט עטוואָס איינגעגריבן געוואָרן דורך דער נאָז פון שיף...

אינטערעסאַנט איז אָבער דאָס, וואָס, לויט ווי איך דערמאָן זיך איצט, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען: אַי, אַי, די פאַרפאַקטע סחורה! וואָס וועט זיין מיט איר? וואָס ווילט איר — אַ קאַפּיטאַן פון אַ פראַכטשיף טראַכט וועגן דער אָנגעטרויטער סחורה מער, ווי וועגן זיך!

קאַפּיטל זעקס.

מיר האָבן שוין דעם צפון-ים ביז צום האַלז. מיר שטרעבן מיט אַלע כּוחות זיך אַרויסצורייסן צום אַטלאַנטישן ים.

דער „וועג״ אַהין איז אונז גענוג קלאָר. מיר ווייסן אָבער נישט, וואָס עס קאָן מיט אונז פּאַסירן אויף אָט דעם וועג. סוף-כּל-סוף פאָרן מיר דאָך מיט אַן אונטערוואַסערשיף, מסתּם וועט דאָך אונז געלינגען אַלע סיורפּריזן אויסצומיידן! און אויך פּראַכט-שיפן האָבן דאָך באַוויזן די קונסט אויסצומיידן דעם פּיינט, בשעת מיר האָבן דאָך דערצו דאָס בעסטע מיטל—צו גיין אונ-טערן וואַסער!

פאַר אונז איז אָבער וויכטיק נישט בלויז אַדורכצורייסן זיך. מיר מוזן אויך זען, אַז מען זאָל אונז נישט באַמערקן. וואָרום, ווען דער פּיינט זיך דערוויסן, אַז ס׳גייט אַ פּראַכטשיף אונטערן וואַ-סער קיין אַמעריקע, וועט ער שוין לאָזן נאָך אונז גאַנצע כאַ-ליאַסטרעס שפּירהינט—די איינגלענדער האָבן דאָך אויסשפּירונגס-שיפן לרוב!—און אונז וועט זיין זייער שווער צוצוקומען צו אַמעריקע. מיר מוזן דורכבער אַדורכגיין דעם ים אַזוי, אַז זייער פּיינט זאָל לגמרי נישט וויסן, אַז ס׳גייט אַזאַ שיף אונטערן וואַ-סער.

פאַרנומען מיט אַזעלכע געדאַנקען, האָב איך מיין שיף געפירט זייער פאָרזיכטיק און מיר האָבן זיך „געשליינגלט״ דעם גאַנצן וועג. געזען האָבן מיר אַ מיינגע שיפן, אונז האָט מען געזען זייער זעלטן און דערקענט האָט מען אונז קיינמאָל נישט. ווען

מיר האָבן בייטאָג געזען שיפן, האָבן מיר תיכף געענדערט דעם קורס און זיי אויסגעמידן; ביינאַכט פלעגן מיר, פאַרשטייט זיך, פאָרן אָן באַלייכטונג און, ווען נויטיק—אונטערן וואַסער.

דאָס וועטער איז פאַר אונז געווען גינסטיק. איינמאָל האָבן מיר גאַנץ ווייט דערזען אַן איינגלישע קרייסערשיף, וואָס איז גע-גאַנגען אין אַ באַשטימטער ריכטונג, אָבער נישט גלייך, נאָר זיג-זאַגיש. מיר זיינען אַ צייט לאַנג געגאַנגען פּאַראַלעל מיט איר און האָבן זי שטענדיק געהאַט אין אויג. אָבער אַ דאַנק די הויכע כוואַליעס, וועלכע האָבן איר, בלי שום ספק, קיין פאַרגניגן נישט פאַרשאַפט, האָט זי אונז נישט געזען.

אַן אַנדערש מאָל האָבן מיר בין-השמשות-צייט דערזען גאָר נאָענט אַ באַוואַכונגסשיף. די שיף האָט אונז באַמערקט און האָט אַרויסגעשטעלט תיכף אַן איינגלישע פאָן: אונז זאָל זיך פאַר-גלוסטן צו מאַכן אַן אָנפאַל. אָבער ווען מיר זיינען זיך רוהיק געגאַנגען ווייטער, איז די שיף מיט רוגזא זיך אַוועקגעגאַנגען איר וועג. קענטיק, אַז ביי די הויכע כוואַליעס האָט די שיף געהאַלטן פאַר אַ ריזיקע צו מאַכן אַליין אַן אָנפאַל. אַנדערע שנעלע באַוואַכונגסשיפן האָבן מיר באַוויזן אויסצעמיידן באַצייטנס אַזוי, אַז זיי זאָלן אונז נישט באַמערקן.

שפּעטער האָט זיך אויפן ים אַראָפּגעלאָזט אַ נעבל. האָבן מיר זיך אונטערגעטוקט און געלייגט „אויפן גרונט”. מיר האָבן זיך נישט באַדאַרפט איילן און מיר האָבן געמעגט זיך אויסרוען.

אמת, דער אָרט איז געווען אַ טיפער, אָבער דערפאַר זיינען מיר זיך טאַקי רוהיקער געלעגן. צו וואָס דען האָבן מיר אַזעלכע אויסגעצייכנטע מאַשינעס אין דעם וואונדערלאַכן דרוקקערפּער פון אונזער „דייטשלאַנד” !...

די נאַכט אויפן גרונט פון ים איז געווען אַ ווירקלאַכע אויסרו-הונג פאַר אונז אַלעמען. מען האָט ווידעראַמאָל געקאָנט זיך רעכט אַרומוואַשן, לייגן זיך רוהיק שלאָפן, נישט דאַרפן מורא האָבן, אַז מען וועט פּלוצלונג געוועקט ווערן דורך אַן אַליאַרם-סיגנאַל. פאַרן שלאָף האָבן מיר געהאַט אַ גרויסאַרטיקן מיטאָג

אויפן הויכן שטייגער.ביידע גראַמאָפאָנען האָבן געשפּילט און מיר האָבן געמאַכט „לחיים" מיט גוטן שאַמפּאַניער. אונזער קו־כער האָט אונז מכבד געווען אויפן בעסטן אופן, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אין אַ רייכן רעסטאָראַן און נישט אויפן גרונט פון ים־הגדול...

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך אויפגעהויבן. די פּאָמפּעס האָבן פלייסיק געאַרבעט, די רודערס האָבן אונז געהאָלפן אַרויפצוקלע־טערן אויפן ים־שטח. וואָס העכער מיר קומען אַרויף, באַוועגט זיך אַלץ מער די שיף. משמעות, דער ים שפּילט זיך אויבן גאָר נישקשהדיק...

איך גיי־צו פּאָרזיכטיק צום זע־ראָר לאַנג און גענוי באַטראַכט איך דעם ים אַרום, אָבער אויסער ווילדע, פאַרשוימטע כוואַליעס, זע איך גאָרנישט. פאַר מיר איז אַזאַ ים אין אַזאַ וועטער דאָס בעסטע, ווייל כ'האָב ווייניקער מורא פאַרן פיינט.

איך באַשליס, אַלזאָ, אויפצוהויבן זיך אינגאַנצן אויפן וואַסער און לאָז אַריין געפּרעסטע לופט אין די רעזערוואואַרן: דער טורם ווערט, ענדלאַך, פריי פון וואַסער. ס'האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די איילמאָטאָרן; די ווענטילאַציעס באַנייען אונטן אין שיף די לופט. ווי נאָר אָבער מיר האָבן געעפנט די ערשטע טיר צום טורם, איז דער ערשטער פייכטער גרוס אַריינגעפלאָסן אין דער צענ־טראַלע. מען מוז, אַלזאָ, אַריינפּרעסן נאָך לופט אין די רעזער־וואואַרן און אַרויפשטייגן העכער.

פריער אָבער איז נאָך נויטיק אַ געוויסע שיפקונצשטיק. מען מוז, נעמלאַך, זיך אַ לאָז טאָן קוריער פון אונטן אַרויף, ווייל ביי די געוואַלטיקע כוואַליעס וואָלט אָן דעם אויסגעקומען דער שיף אַרויפצונעמען אויף זיך מוראדיקע וואַסערבערג פון אומגעהויערן געוויכט.

מיר לאָזן דעריבער גיין די שיף קווער. די מאַשינעס אַרבעטן געשווינט, די שיף פליט פייל פון בויגן און ס'דאַכט זיך, אַז דאָס האַרץ שפּרינגט אונז אַרויס פון בוזעם. אָבער די שיף גע־האָרכט דעם מעכאַניזם און שטעקט אַרויס די נאָז פון וואַסער, און ווען מיר קומען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון ים, האַלט

די שיף אין באַוועגן זיך, ווי אַן אומרו.
אָבער אָט הויבט זיך אָן פּאַר אונז אַ נייע אויפגאַבע: מען דאַרף די שיף ווידער ברייננען אין נאָרמאַלן גאַנג. איך שטיי היגטער די טורמפענסטער; מיט די הענט און מיט די פיס בינד איך זיך איין אין די פּעטלעס, עס וואַרפט מיך און שמייסט פון איין זייט צום צווייטן. איך קוק אָבער אַרויס אויפן ים, לויט מיין אַלטער דערפאַרונג, וואַרט איך אָפּ, אַז צוויי-דריי כוואַליעס זאָלן אַריבער, ווייל דאַן האָב איך אַ הפסקה פון קלענערע כוואַ-ליעס אויף עטלאַכע מינוטן.
איצט איז די דריטע הויכע כוואַליע שוין אַריבער. איך גיב אַ באַפעל אין דער צענטראַלע, צו מאַכן דעם לעצטן מאַנעוור מיט די רודערער און אָט האָבן מיר, ענדלאַך, אונזער נאָרמאַלן גאַנג. אמת, אַ שווערע אַרבעט ליגט נאָך פאַר אונז ווייטער. דער שטורמווינט פאַרשטאַרקט זיך אין אונזער רייזע. פאָרויס גייט זייער שווער. דערצו איז נאָך אַ טייל פון מיינע לייט דורכגע-נומען מיט דער ים-קראַנקהייט: די באַוועגונגען פון שיף גע-שווינט אַהין און צוריק קאָנען קראַנק מאַכן אַפילו דער שטאַרקסטן.

אָבער וואָס ווייטער מיר קומען, אַלץ בעסער שפּירט זיך די לייכטקייט פון דער לופט פון אַטלאַנטישן ים, וועלכער איז שוין גאָר נאָענט. די קורצע כוואַליעס פאַרשווינדן ביסלאַכווייז און אונ-זער שיף וויגט זיך שוין מאַיעסטעטיש, אינדערווייטן זעען מיר שוין צוויי איינגלישע קרייסערשיפן, וועלכע גייען צוריק אַהיים נאָך אַ נאַכט-עקסקורסיע. מיר ליגן נאָך אָבער טיף און זיי באַ-מערקן אונז נישט. זיי פאַרשווינדן געשווינט אונטערן האָריזאָנט.

איצט זיינען מיר שוין פריי פון די איינגלישע וואַכשיפן. מיט אַ פריילאַכן האַרצן פירן מיר אונזער שיף פאָרויס אינעם אַטלאַנ-טישן ים.

קאַפּיטל זיבן.

מיר זיינען, אַלזאָ, גליקלאַך אַריינגעקומען אין אַטלאַנטישן ים. רעכט פריינטלאַך האָט דער ים אונז דוקא נישט באַגעגנט, אמת, מיר האָבן זיך שוין אַ היבש ביסל אָנגעליטן, אָבער איך וואָלט געוואָלט שאַנעווען די נערוון פון מיינע לייט, דען אונז שטייט נאָך פאָר דאָס גרעסטע שטיקל אַרבעט. איך באַשליס דעריבער צו האַלטן זיך מער צו דרום: דאָרט איז דאָס וועטער בעסער. אָבער מיר זיינען זיך טועה אין דעמדאָזיקן חשבון.

ווען איך קוק היינט אַדורך מיינע טאָגביכער פון מיין רייזע אויפן אַטלאַנטיק, געפין איך נאָר באַמערקונגען: „דער ים איז שווער", „אַ שטאַרקער צפון-מערב-ווינט", „דער ווינט גייט איבער אין אַ שטורם", „די כוואַליעס פאַרגיסן די שיף און אַפילו אויך דעם טורעם", „די שיף גייט כמעט שטענדיק אונטערן וואַסער" א. אַז. וו... אין אָט די קורצע ווערטער ליגט אָבער דאָס לעבן פון 29 מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין אַ פאַרשלאָסענעם פיש, וואָס ברעכט זיך דורך אַ וועג דורך אַ שווערן ים.

אַ שטורם אויפן ים איז אין אַן אונטערוואַסערשיף גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי אין אַ גרויסער שיף אויפן וואַסער. כל-זמן ס'איז נאָר מעגלאַך, מוז מען זיך, נאַטירלאַך, האַלטן אויפן וואַסער און גיין פאָרויס מיט דער הילף פון די אייל־מאָטאָרן, ווייל מען מוז שפּאָרן די עלעקטרישע קראַפט אין די באַטערייען און זיך באַנוצן מיט איר נאָר אין אַ פאַל פון אַ נויט. אָן איר קאָן מען

זיך נישט אַרונטערטוקן, אָדער מאַנעווורירן. אָבער וואָס הייסט עס פאָרן אין אַ שטורם מיט אַן אונטערוואַסערשיף אויפן וואַסער? די שיף ליגט דאָך תמיד ביזן טורם אין וואַסער און אויך דער טורם ווערט באַגאָסן פון די כוואַליעס, די בערגכוואַליעס טראָגן זיך איבער דער שיף, ווייל די שיף איז קליין און ליגט אינגאַנצן אין וואַסער. דעריבער פאַרלירט די אונטערוואַסערשיף יענע גרויסע אינערציעקראַפט, וועלכע טראָגט שטענדיק די גרויסע שיף פאָרויס. מיט אַ ברילן און ברומען און מיט האַרטע קלעפּ פאַלן די כוואַליעס אויף אונזער שיף און זי רירט זיך זייער שוואַך פאָרויס און מוז דערביי אָנשטרענגען אַלע אירע קרעפטן.

און אויב מיר זיינען דאָך ביי אַזעלכע באַדינגונגען געבליבן גאַנץ און זיך גערוקט פאָרויס, זעט מען דערפון, ווי גענייאַל עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער שיפבוין און וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטן מעכאַניזם מען האָט אונז געגעבן אין די הענט אַריין.

„או-דייטשלאַנד״ איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערער פּראָבע און האָט דעם עקזאַמען מיט גרויס ערפאָלג אויסגעהאַלטן. עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד האָט דער שטורם געדויערט, אַן עכטער הוראַגאַנשטורם. געוואַלטיקע וואַסערבערג האָבן זיך געוואָרפן אויף דער שיף, געשלאָגן און געשמיסן זי פון אַלע זייטן, און די שיף איז דאָך געבליבן גאַנץ, ס'פאַרשטייט זיך, אַז דערביי זיינען אַלע עפענונגען און לופטצוגען פעסט פאַרמאַכט געוואָרן; אַפילו די אויבערשטע עפענונג פון טורם האָט אָפט געמוזט גוט צוגעמאַכט ווערן, כדי דאָס וואַסער זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אין שיף.

שיין איז אין טורם נישט געווען, דאָך אָבער טויזנט מאָל בעסער, ווי אונטן, וואו די מענטשן האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרשפאַרטער לופט און האָבן שטאַרק געליטן פון דער ים-קראַנקהייט, וואָס האָט אַפילו נישט אויסגעמיטן די עלטסטע מאַטראָזן, וועלכע האָבן עס איבערגעלעבט צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן.

אויפן דריטן טאָג איז עס, ענדלאַך, געוואָרן לייכטער. דער ים האָט זיך באַרוהיקט און מיר האָבן געקאָנט עפענען אַלע לופט-לעכער, אויסצעלופטערן און אויסצעטריקענען די שיף. אַלע אונזערע לייט פון דער פרייער וואַך זיינען אַרויסגעקומען אויפן דעק, אויסצעציען די ביינער אויף דער זון, איינצואָטעמען פרישע לופט, צו פאַררויכערן און צו ווײלן זיך אַ ביסל. בלאָס און מיד זיינען אַלע אַרויפגעקומען, אָבער די פרישע לופט און דער לייכטער ים-ווינטל האָט באַלד אַלעמען דערפרישט די כוחות.

אויפן דרום-מערב-וועג האָט אונז נישט געשראָקן דער געדאַנק, אַז מיר וועלן עמיצן אָנבאַגעגענען און מיר האָבן זיך גענומען צום טריקענען. יעדערער האָט אַרויפגעבראַכט זיינע נאַסע מלבושים און אויסגעהאָנגען זיי ברייטלאַך אויף דער לופט. דער גאַנצער דעק איז פול מיט בעטצייג, מיט קאָלדרעס, קליידער, שטיוול. אויף די דראָטן פון דעם פאָרענץ הייגגט מען אויס וועש. צווישן זיי ליגן זיך מענטשן אין די פאַרשידנסטע פּאָזעס און וואַרימען זיך אויף דער זון, ווי פראָשן. כדי צו פאַרשטאַרקן די קונסט-לאַכע ווענטילאַציע אין אַלע אָפּטיילונגען דורך אַ נאַטירלאַכן לופט-שטראָם, הייבגען מיר אויף אין אַלע עפענונגען זעק פון זעגל-לייוונט. מיט זייערע אַראָפּגעהאָנגענע ברעגעס זיינען זיי ענלאַך צו די שופּן פון אַ פיש, און דער גרינער רוקן פון אונזער שיף פאַרשטאַרקט נאָך די אילוזיע, און ס׳דאַכט זיך טאַקי, אַז מיר פאָרן אויפן פאַרצייטיקן לויתן. אַ שאָד, וואָס קיינער האָט אונז נישט געזען! ס׳איז אָבער קיינער נישט געווען, וואָס זאָל אונז באַוואונדערן. צום אָוונט האָבן מיר אַפילו באַמערקט אויפן האָריזאָנט אַ רויך פון אַ דאַמפער, אָבער מיר האָבן באַלד געענדערט אונזער קורס און מען האָט אונז נישט באַמערקט.

די שטימונג צווישן מיינע לייט איז אויסגעצייכנט, אַ סימן האָב איך — דער גראַמאָפאָן שפּילט. דער גראַמאָפאָן איז העכסט נויטיק אין אַזאַ נסיעה, ווי אונזערע. דאָס גוטע וועטער דויערט כסדר. אויפן שיף הויבט זיך אָן אַ מאָנאָטאָן לעבן, אָן ענדערונגען, אָן פּאַסירונגען, ס׳ווערט אונז לאַנגווייליק. אַמאָל דערזעען מיר איינ-

דערוויטן אַ דאַמפּער. טײלמאָל גייען אַדורך עטלאַכע טעג, ווען מיר זעען איבערהויפּט גאָרנישט, אויסער הימל און וואַסער אָן אַ סוף. ס'איז אָבער אייגנטלאַך דער ערשטער אויגנבליק, וואָס מיר האָבן געקאָנט לייכטער אָפּעטעמען.
שטיי איך מיר איינמאָל אַזוי אויף מיין אָרט און נעבן מיר ליגט דער ריזיקער מאַטראַז הומקע. בין איך אים אַ בעלן אַ פרעג צו טאָן, וואָס ער טראַכט וועגן דעם צוועק פון אונזער געפערלאַכער רייזע אינמיטן ברען פון דער מלחמה, ענטפערט ער מיר דערויף אָן לאַנגע שהיות:
—נו, יאָ, צו פאַרדינען געלט!
באַמי איך זיך קלאָר צו מאַכן אים די באַדייטונג פונם מסחר מיט אַמעריקע, איינגלאַנד און איר בלאָקאַדע אויף להכעיס. איך פרוביר בכלל אים קלאָר צו מאַכן דעם ענין בלאָקאַדע.
איז ער זייער לייכט תופס דעם ענין און זאָגט:
—נו, יאָ, כ'פאַרשטיי, וואָס דער איינגלענדער וויל!
גיי איך אָבער ווייטער מיט מיין דערקלערונג וועגן דער בלאָ-קאַדע און איך וואונדער זיך, וואָס אַזאַ פּראָסטער פאָלקסמענטש פאַרשטייט דעם ענין אַזוי געשווינט און גוט, און ער רופט אויס:

—אָ, אָ, אונז וועט דאָך דער איינגלענדער נישט באַקומען און אַזויאַרום וועט דאָך די גאַנצע איינגלישע בלאָקאַדע פאַרלירן איר ווערט, אויב עס זאָלן נאָר אָנהויבן גיין פיל אַזעלכע שיפן, ווי אונזערע.
בינו לבינו זיינען אָנגעקומען נאָך עטלאַכע פון אונזערע לייט, און איך האַלט פאַר זיי אַ גאַנצע רעדע און בין זיי מסביר דעם ענין פון אונזער נסיעה.
—קינדער,—זאָג איך,—איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ נסיעה מיר מאַכן.
און איך האָב געהאַלטן אַ לייגערע דרשה, אין וועלכער איך האָב דערקלערט, אַז אַ האַנדלסשיף, וואָס גייט נישט באַוואָפנט און אונטערן וואַסער, איז נאָך גאָר אַ גייע זאַך, וואָס וועט אַרויס-רופן אַ גרויסע איבערקערעניש אין די באַציונגען צווישן פעלקער.

עס וועלן מוזן געענדערט ווערן די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן, כדי צו וויסן, וויאַזוי זיך נוהג צו זיין מיט אַזאַ האַנדלסשיף, און ממילא וועט יורידיש פאַרלירן דעם זין די איצטיקע איינגלישע בלאָקאַדע. ס'הייסט, אַלזאָ, אַז „או-דייטשלאַנד" וועט מוזן אַרויסרופן אַ גאַנצע מרידה אינם פעלקעררעכט.

מיינע לייט האָבן מיך זייער גוט פאַרשטאַנען, הגם איך בין נישט קיין רעדנער און האָב אפשר צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געהאַלטן אַזאַ לאַנגע דרשה.

דאָס שיינע וועטער האָט זיך געהאַלטן כסדר. די לופט איז טרוקן און קלאָר און דער באַראָמעטער ווייזט נישט קיין ענדערונגען. מיר קומען אַריין אין יענע ים-געגנטן, וואו ס'הערשט געוויינלאַך אַ שיין וועטער אין די חדשים. אָבער די זון וואַרימט שוין אַ ביסל צו-שטאַרק און עס בענקט זיך נאָך אַ פריש ווינטעלע. און אָט דאָ נוצן מיר אויס אונזער „באָדוואַנע". אַנטדעקטה אָט זי דער מאַשיניסט קיסלינג, וועלכער איז געוויינלאַך אינגאַנצן פאַרטאָן נאָר אין זיינע מאָטאָרן. ער איז פשוט פאַרליבט אין זיי און וויל פון קיין אַנדער זאַך נישט וויסן.

איינמאָל אָבער האָט ער געדאַרפט לויפן צו זיינע מאָטאָרן און דאָ איז אים אויסגעקומען אַריבערצולויפן דעם טיפערן טייל פונם דעק, וועלכער איז געווען אינגאַנצן פאַרגאָסן מיט וואַסער. ער איז דערביי אומגעפאַלן און האָט זיך אַדורכגענעצט ביז די ביינער. דער פאַל אין וואַסער האָט אים אָבער אַרויפגעפירט אויפן רעיון: פאַרוואָס זאָל מען טאַקי נישט קאָנען זיך אויסבאָדן דאָ? ער האָט געמאַכט אַ שמועס מיט אונז וועגן דעם, די זאַך איז אונז אַלעמען געפעלן געוואָרן און אָט אַזוי האָבן מיר דעם אָרט אַ נאָמען געגעבן באָדוואַנע און מיר האָבן זיך אָנגעהויבן באָדן...

דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטע וואַנע אינמיטן אוקיינוס. זי האָט אָבער געהאַט אַ שטיקל פעלער. ווען מען פלעגט וועלן זיך אויסבאָדן באַלד נאָכן אַרויפהויבן זיך אויפן שטח פון ים,

ווען די כוואַליעס האָבן נאָך נישט געהאַט גענוג גוט אַדורכגע־שווייבקט דעם דעק, האָבן מיר געהאַט נישט קיין וואַסערוואַנע, נאָר אַן איילוואַנע... ווייל דער אייל פון די מאַשינעס האָט זיך געלייגט אויף יעדן ווינקעלע פון שיף און ס'האָט געמוזט דויערן לפחות אַ מעת־לעת, אײדער די ים־כוואַליעס האָבן עס אינגאַנצן אַראָפּגעשווייבקט. אָבער ווי דאָס זאָל נישט זיין — די וואַנע האָט אונז פאַרשאַפט גרויס תענוג. מיר פלעגן זיך אויסטאָן גאַנץ נאַקעט און שווימען אויפן שיף אינם ים־וואַסער, ווי פריילאַכע חדר־קינדער אין אַ סטאַוו...

דאָס שיינע וועטער האָט מיר אויך געגעבן אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען און מעסטונגען, כדי צו וויסן גענוי, וואו מיר געפינען זיך. דאָס איז אָבער געווען גאָרנישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט. אויף אַ גרויסער שיף האָט דער קאַפּיטאַן אַ פעסטן אָרט איינצושטעלן די אַסטראָנאָמישע אינסטרו־מענטן; דאָ אָבער האָב איך מיינע אינסטרומענטן געמוזט האַלטן אויף די קני און דערביי האָב איך זיך געפונען האַרט אויפן וואַסער. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז זייער שווער ריכטיק צו באַשטימען די הויך פון דער זון און פון די שטערן. מיר איז אָבער די זאַך פיל־ווייניק געלונגען.

אונזערע פראָבעס, זיך אונטערצוטוקן, מאַכן מיר אַלע טאָג, און דערביי קוויקן מיר זיך מיט הערלאַכע בילדער. איך האָב, נעמ־לאַך, אַזוי איינגעאָרדנט מיין שיף, אַז דער טורם קומט אויס, נאָכן אונטערטוקן זיך, דריי מעטער טיף אונטערן וואַסער. אויבן אין דער הויך, שיינט די זון און פילט אָן די דריי־מעטער־טיפ־קייט מיט אַ העלן שיין. דאָס וואַסער איז פאַרביק באַלויכטן און אינדערנאָנט זעט עס אויס, ווי די לאַזורבלויקייט פון הימל מיט אַ וואונדערלאַכער קלאָרקייט און דורכזיכטיקייט, ווי אין ריינסטן קריסטאָל. דורך די פענסטער פון טורם האָב איך געקאָנט זען די גאַנצע שיף אונטער מיר אין וואַסער. דער דעק פון שיף איז געווען באַשאָטן ווי מיט פערל. דאָס זיינען געווען די לופט־

בלעזלאַך, ווייל די לופט רייסט זיך אַרויס פון שיף דורך די קלענסטע שפּאַלטן אָדער אַפילו דורכן שטאָל. די טראָפּעלאַך לופט זיינען אָבער נישט גענוג שטאַרק זיך צו קאָנען אַרויסכאַפּן דורכן וואַסער אַרויף צום ים, און אָט האַלטן זיי זיך אויפן דעק פון שיף אין קלייניקע בלעזעלאַך און גיבן צו דער שיף אַ פאַנטאַסטישע מראה. קוק איך אויף דער פאַנטאַסטישער געשטאַלט פון דער שיף און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז ווירקלאַך אַ פיש, וואָס די אָפּגעטין פון ים האָט באַצירט מיט פּערל. ווייטער פון שיף זע איך שוין דאָס וואַסער פון ים טונקעלער, אַ שטייגער, ווי דאָרט וואָלט געווען בין-השמשות. ס'האָט אויסגעזען, ווי די נאָז פון שיף שניידט זיך אַריין אין אַ וואַנט פון גרינעם אָפּאַל. די וואַנט עפנט זיך און זי ווערט פאַר מיר פאַרביק-דורכזיכטיק.

ווי באַצויבערט פלעגן מיר שטיין ביי דעמדאָזיקן בילד. זיין פאַנטאַסטישע ווירקונג האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָך דערפאַר, וואָס די לייכטע כוואַליעס אויבן אין דערהויך האָבן אויסגעזען, ווי רויז-פאַרביק, בלאַס-געל אָדער פון רויטן פּורפּור.

קיין פיש האָבן מיר נישט געקאָנט זען, ווייל מיר זיינען גע-גאַנגען נישט גענוג טיף.

אין איינעם פון יענע טעג האָבן מיר איבערגעלעבט אַ זאַך, וואָס האָט אונז פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן.

צוליב דעם גרויסן ערפאָלג פון אונזער רייזע, זיינען מיר גע-וואָרן האָפערדיק ביי זיך, און אָט זיינען מיר געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: פונם זעגללייוונט האָבן מיר געמאַכט אַ טרויב, ענלאַך צו אַ קוימען און האָבן עס אַרויסגעשטעלט ביים זע-ראָר, כדי אָפּצונאַרן די ווייטע דאַמפער, זיי זאָלן מיינען, אַז מיר גייען מיט אַ דאַמפער אויפן ים. און אָט האָבן מיר איינמאָל דערזען פון ווייטן אַ דאַמפער, וועלכער האָט געמוזט גיין פאַרביי אונז, אויב מיר וועלן נישט ענדערן אונזער קורס. מיר מאַכן דעריבער אַ פּראָבע: מיר צינדן אָן פאַקלען אין אונזער אימפּראָוויזירטן קוימען. מיט דערדאָזיקער פאַקל פוצט מען די מאַשינעס און זי איז דעריבער אָנגעזאַפּט מיט אייל. דער רויך פון דער פאַק־

לע דאַרף אויסזען פון דערווייטן ווי אַן אמתער מאַשינרויך. לײדער, ווערט אָבער די פאַקלע געשווינט אויסגעברענט און קיין רויך האָבן מיר מער נישט. פאַלן מיר אויף אַן אַנדער המצאה: מיר הויבן אָן אַרבעטן אין „קוימען" מיט אַ לופטפּאָמפּע און מיט אַן אָנגעצונדענעם שטאָף. הוראַ! ס׳ווייזט זיך אַ רויך איבערן קוימען. מיר לאַכן און ווילן שוין פאָרן ווייטער אָן אַ רויך. אָבער אָט קומט דער מאַטראָז הומקע מיט אַ שאַכטל דזעגעכץ, וואָס ער צינדט אָן און האַלט אין „קוימען". די לופט-פּומפּע אַר-בעט ווידער און דערווייל האָבן מיר שוין אַן אמתן רויך. אַ שמחה, אַ גדולה!

אַן ערפאָלג איז עס, אָבער אָט זעען מיר, ווי דער דאַמפער אינ-דערווייטן גיט זיך אַ קער און גייט גראָד אויף אונז... ע, ע, דאָס האָבן מיר בכלל נישט געוואָלט! איך גיב דעריבער אַ באַ-פעל געשווינט זיך אונטערצוטוקן. דער קוימען מיטן רויך פאַר-שווינדן. אַלע עפּענונגען פאַרמאַכן זיך. די שיף הויבט זיך אָן אַרונטערצולאָזן אין וואַסער. קוים באַמערקט עס דער דאַמפער, דרייט ער זיך אום און לאָזט זיך אַנטלויפן, ווי פאַרן טייוול, אַרויסוואַרפנדיק געדיכטע רויכוואָלקנס פון זיינע קוימענס.

מיר שטעלן ווידער אויף אונזער אימפּראָוויזירטן קוימען, און בשעת אונזער דאַמפער אַנטלויפט, האַלטן מיר זיך ביי די זייטן און לאַכן ביז טרערן.

ווי עס שיינט, האָט דער דאַמפער אונז תחילת אָנגענומען פאַר אַ שיף, וואָס געפינט זיך אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע און האָט געוואָלט אונז קומען צו הילף. ערשט שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס מוז זיין אַן אונטערוואַסערשיף און האָט תיכף ומיד געמאַכט פליטה.

די לייט אויפן דאַמפער האָבן אודאי מיט שטאָלץ געטראַכט וועגן דעם, אַז ס׳איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן פון אַ פּיראַטנשיף. מיר האָבן אונזער המצאה פאַרבעסערט, און אָט האָבן מיר געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען אין צוויי טעג אַרום, ווי איין דאַמפער האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן און איז אונז פאַרביי׳געפאָרן מיט אַ באַ-גריסונג.

קאַפּיטל אַכט.

דער מאָנאַט יוני האָט זיך געענדיקט און מיט אים אויך, ליידער, דאָס שיינע וועטער.

די לופט איז געוואָרן לייכט און דורכזיכטיק. מיר קומען נאָענטער צום גאָלף־שטראָם מיט זיין וואַרים וואַסער, אָבער אויך מיט זיינע שטורמס. מיר פאָרן נאָך איין טאָג. אין אָוונט ווערט די לופט שווער. די זון גייט־אונטער לאַנגזאַם הינטער אַ בלוט־רויטן שלייער פון דאַמף.

די לופט ווערט אַלץ שווערער. מיר שפירן די נאָענטקייט פון גאַלף־שטראָם. ביינאַכט ברעכט־אויס אַ שטורמווינט, וועלכער רייסט זיך פון אַלע זייטן און שמייסט מיט אַזאַ כוח דעם ים, אַז ס׳איז זייער שווער צו פירן די שיף.

מיר מעסטן די טעמפּעראַטור פון וואַסער—גוט וואַרים: ס׳האַלט שוין ביי 28 גראַד צעלזיוס. מיר זיינען שוין אין גאָלף־שטראָם, וועלכער טראָגט מיט זיך אינדערלופטן אַ פייערדיקן טראָפּישן שטורם.

דער ים ברענט, פּונקט ווי אַ געוואַלטיקע שריפה וואָלט אים אַרומגעכאַפּט. אונזער עלעקטרישער אַפּאַראַט פאַרלירט זיין גלייכגעוויכט, ווייל די אַרומיקע לופט איז אָנגעזאַפּט מיט עלעקטרישע שטראָמען. ביז אַהער האָט דער אַפּאַראַט אונז איבערגעגעבן טאָג־טעגלאַך גענויע מלחמה־באַריכטן פון דער דייטשער פונקענסטאַציע אין ווין. היינט האָט ער שוין אויפגעהערט צו ווירקן. דאָס ליכט פון ים שטערט אונז צו זען ווייטער דעם ים, ווייל

מיר שטייען, אַזוי ווי פאַרבלענדט. די אויגן ווערן גערייצט, דער בליק פאַרלירט זיין זיכערקייט דורך דעם שימער פון די ים-כוואַליעס אין דער טיף־שוואַרצער נאַכט אַריין. דאָס איז זייער אונאַנגענעם, ווייל מיר קומען איצט אין אַ געגנט, וואו ס'גייען אַדורך פיל דאַמפערס און מיר מוזן זיין זייער פאָרזיכטיק.

דאָס וועטער ווערט אַלץ אומרוהיקער. דער גערויש שטאַרקט זיך. שווערע כוואַליעס פאַטשן דעם דעק פון שיף און זייערע שוימיקע רוקנס טראָגן זיך איבער אונז מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט.

און איבערן ים-גיהנם הייגען שווערע, פינסטערע וואָלקנס, וועלכע שניידן זיך אַדורך יעדע מינוט מיט טונקלגעלע, לאַנגע פייערדיקע בליצן. פאַרשווינדן די בליצן, ווערט ווידער שטאָק-פינסטער אַרום אונז.

די גאַנצע אַטמאָספערע איז צוטרויסלט און קאָכט און שוימט, ווי אַ קעסל אונטער אַ פייער. די דונערן קאָלערן זיך איבער אונז מיט אַ שרעקלאַכן רעש און געפילדער. מיר קומען אַריין אין צענטער פון שטורם. ס'הויבט זיך אָן אַן אמתער שדים-טאַנץ און עס דאַכט זיך, אַז די וועלט גייט-אונטער...

פּלוצלונג באַווייזט זיך הינטער אונז אַ לאַמטערן פון אַ גרויסן דאַמפער. אין דער פינסטער קאָנען מיר אים לייכט אויסמיידן. ער גייט אַריבער פאַרביי אונז, ווי אַ שטיק ליכט. דאָס איז אַ פּאַסאַזשירנשיף און, לויט איר קורס, קומט זי פון מיטללענדישן ים. כ'מוז מיך מודה זיין, אַז מיר קוקן מיט קנאה אויף אירע לאַמטערנעס. באַלד וועט זי אַנטרונען פון אונז אין געדיכטן רעגן און פינסטערניש.

אויף צומאָרגנס האָט דער שטורם דערגרייכט ביז צו דער העכסטער מדרגה. ווי אַ הוראַגאַן טראָגן זיך איבער אונז די כוואַליעס. דער רעגן גיסט נישט מער אין געדיכטע פעדים, נאָר ער פאַלט אין גאַנצע שטראָמען. עס דאַכט זיך, אַז די הימלען האָבן זיך געעפנט און וואַסערוועגט לאָזן זיך האַסטיק אַראָפּ איינע נאָך די אַנדערע, שמייסן אונז אין פּנים און פאַרשאַפן אונז גרויסע יסורים. דער רעגן איז אַזוי געדיכט, אַז מען קאָן זיך

גישט באַוועגן. מען זעט גאָרנישט אַרום זיך. האַלט מען אויף אַ ווײַלע דאָס גלאָז פֿאַר די אויגן, גיסט זיך תּיכּף אַרײַן אַ גאַנ־צער שטראָם וואַסער אין אַרבל.
די שיף אַרבעט שרעקלאַך שווער אינם צערײַצטן ים. די כוואַ־ליעס שלײַדערן זי אַהין און אַהער. טײלמאָל ווערט זי אַזוי שטאַרק געשלײַדערט, אַז נאָר מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג קאָן מען זיך אָנהאַלטן בײַם פּאָרענץ.
אַן אמתער גיהנום.
אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט געגן דעם, וואָס עס טוט זיך דאָרט אונטן אין שיף.
בײַ די ווילדע כוואַליעס מוז מען, נאַטירלאַך, אַלע עפֿענונגען פֿעסט פֿאַרמאַכן. אַפֿילו די עפֿענונג צום טורם קאָן נאָר צײַטווײַליק אויפֿ־געמאַכט ווערן. אמת, ס׳אַרבעטן צוויי גרויסע ווענטילאַציע־מאַשי־נעס, אָבער די פֿרישע לופֿט, וואָס זיי באַקומען פֿון די רעזער־וואואַרן ווערט תּיכּף אײַנגעשלונגען דורך די אַרבעטסמאָטאָרן, וואָס זײַ, ווידער, גיבן אַרויס אַ געוואַלטיקע היץ, אָנגעזאַפּט מיט אַ שרעקלאַכן דאַמף פֿון אײל, וואָס די ווענטילאַטאָרן טראָגן פֿאַ־נאַנדער איבער דער גאַנצער שיף, אין אַלע אירע ווינקעלאַך.

די לופֿט אין שיף איז אָבער אויך אָנגעזאַפּט מיט אַ סך פֿײַכט־קײַטן. ס׳איז אָבער גאָר אוממעגלאַך צו אָטעמען אין איר און מען שפּאַסט מיט גאַלגאַן־הומאָר, אַז ס׳וועט קומען אַזאַ מאָמענט, ווען מען וועט גאָר דערשטיקט ווערן. בײַ די געשלאָסענע עפֿע־נונגען הויבט מען אָן געוואַלטיק צו שוויצן. דער שווייס שלאָגט אַרויס אויף דער גאַנצער שיף און פֿאַרוואַנדלט זיך תּיכּף אין דאַמף. און דאַן—ווי קאָן מען לעבן דערבײַ?... די ווענט, די טישן, שטולן, מאַשינעס—אַלץ איז מיט געדיכטן, פֿעטן שווייס באַדעקט. קומען אויך אַרונטער פֿון טורם די וואַכלײַט אין זײַע־רע נאַסע קלײדער, פֿאַרוואַנדלט זיך אויך זײער נאַסקײט אין דאַמף...
מען קאָן זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַן אַטמאָספֿערע און וואָס פֿאַר אַ היץ עס הערשט אין דער שיף.

אין גאָלף-שטראָם האָבן מיר געהאַט אין דער לופטן אויפן ים אַ טעמפּעראַטור פון 28 גראַד. אַזוי וואַרים איז כּמעט געווען דאָס וואַסער אין ים. קיין פרישע לופט קומט נישט אַריין מער, און אין דער מאַשינענאָפּטיילונג קלאַפּן און טראַסקען די האַמערס פון צוויי זעקס-צילינדערדיקע פאַרברענונגסמאָטאָרן. זיי שליידערן אַרויס אין ברענענדיקע כוואַליעס די קראַפט פון זייער היץ, די פאַרברענטע גאַזן שפּייען אַרויס די היץ מיט אַ גליענדיקן אָטעם. מען גייט אַרום ווי אין אַ קאַלכאויוון. די טעמפּעראַטור איז אין די טעג געשטיגן אין שיף ביז 53 גראַד.

און אין אַזאַ גיהנם האָבן געלעבט און געאַרבעט מענטשן. די פרייע אַרבעטער האָבן זיך קרעכצנדיק געקייקלט אין זייער קאַיוטע. וועגן שלאָף האָט מען גאָרנישט געקאָנט טראַכטן, און ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן, האָט מען זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט פונם טייך שווייס, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן פונם פּנים אין די אויגן און מויל אַריין. פאַר די אַרבעטער איז עס כּמעט אַ תּענוג, ווען ס'גייען אַריבער די אַכט שעה מנוחה און זיי שטעלן זיך ווידער צו דער אַרבעט אין דער צענטראַלע אָדער ביי די מאַשינעס.

אָבער דאָ הויבן זיך ערשט אָן די רעכטע יסורים. מען אַרבעט אין איין העמד; דער שטערן איז מיט אַ טוך פאַרבונדן, כּדי די שטראָמען שווייס זאָלן זיך אַריינגיסן אין איר און נישט פאַרגיסן די אויגן. דאָס בלוט גליט אין די אָדערן און פליסט געשווינט אין די שלייפן, און נאָר מיט דעם געוואַלטיקן כּוח פון ווילן געלינגט עס צו צווינגען דעם מיט שווייס פאַרגאָסענעם גוף, צו אַרבעטן מעכאַניש און האַלטן זיך פיר שעה לאַנג אויף דער וואַך.

ווי לאַנג נאָך וועט מען עס אָבער אויסהאַלטן אַזוי?

איך האָב אין יענע טעג קיין טאָגבוך נישט געפירט און כ'געפין נאָר די פאַרצייכנונג: העכער טאָר די טעמפּעראַטור נישט שטייגן: די מענטשן אויפן שיף וועלן עס נישט אויסהאַלטן.

אָבער זיי האָבן עס יאָ אויסגעהאַלטן; זיי זיינען, ווי העלדן, גע-

בליבן ביי דער אַרבעט, דערשעפּט, צוהיצט און באַדעקט מיט שווייס, ביז מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם שטורמצענטער הינ־טער זיך, ביז דער הימל איז קלאָר געוואָרן און די זון האָט זיך באַוויזן פון די וואָלקן און דער ים האָט זיך אויף אַזויפיל באַרוהיקט, אַז מען האָט געקאָנט אויפמאַכן די עפענונגען פון שיף.

און דאַן זיינען אַלע מענטשן אַרויסגעקומען אויפן דעק פון שיף, בלאַסע, איינגעטונקטע אין אייל, באַדעקט מיט שמוץ, און אַט אַזוי האָבן זיי מיט דער ליכטיקער זון זיך געפרייט, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן זי דערזען צום ערשטן מאָל אין לעבן.

קאַפּיטל נייַן.

בשעת מיר פּלעגן זיך בלויז סטאַרען אויסצעמיידן אויפן ים די אָנבאַגעגנטע דאַמפּערס און נאָר זעלטן פּלעגן מיר צוליב זיי זיך אונטערטונקען און אַ פּאָר מאָל האָבן מיר אַפילו זיך געלאָזט זען אויך, האָבן מיר איצט, בײַ די נאָענטע ברעגן פון אַמעריקע זיך שטענדיק געהאַלטן אונטערן וואַסער, ווייל מיר האָבן בשום אופן נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אונז דערזען. נאָר זעלטן פּלעגן מיר זיך אויפהויבן און באַאָבאַכטן דעם ים אַרום.

דעם אַכטן יולי האָבן מיר שוין פון די ים-וואַסערפאַרבן באַמערקט, אַז מיר זיינען נישט ווייט פון די אַמעריקאַנישע ברעגן. נאָכמיטאָגסצייט האָבן מיר געמאַכט די הכנות צוצוגיין צום ברעג.

איך האָב זיך געהאַלטן בײַ דער מיינונג, צו פאַרבלייבן איבער נאַכט אונטערן וואַסער, בײַ אַ וויאָרסט 17 ווייט פון דער אַמעריקאַנישער ים-גרעניץ, וואו דער איינגלישער פלאָט האָט שוין נישט קיין שליטה. מיטן טאָג וועל איך זיך אַרומקוקן גוט, אויב אינדערנאָנט איז נישטאָ קיין איינגלישע שיף. מיר האָבן דורכאויס געמוזט אָננעמען אַזוינע פאָרזיכטסמיטלען, טאָמער האָט די פּרעסע זיך פאָרט דערוואוסט פון אונזער נסיעה. מיין געהילף האָט אָבער פאָרגעלייגט, מען זאָל אין דער נאַכטפינסטערניש דוקא גיין אויפן וואַסער פאָרויס. אינזשעניער זירינג האָט זיך אויך געהאַלטן בײַ דערדאָזיקער מיינונג.

געגן דידאָזיקעביידע מיינונגען האָט מען געקאָנט, פֿאַרשטייט זיך, פֿיל איינוווענדן. כ׳האָב דעריבער באַשטימט זיך צו האַלטן אונטערן וואַסער ביזן שפּעטן בין-השמשות און ערשט דעמאָלט גיין ווייטער, אויב נאָר דאָס וועטער וועט אונדז דינען.
באַלד האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ שטאַרקער דרום-מערב-ווינט. די לופֿט איז דאַדורך געוואָרן דורכזיכטיקער, אָבער דאָס פֿאָרן פֿאָ-רויס איז געוואָרן שווערער. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן צו גיין פֿאָרויס, ווייל אויפֿן סמך פֿון די גרינדלאַכע אַסטראָנאָמישע מעס-טונגען, וואָס מיר האָבן געמאַכט, האָבן מיר געוואוסט, אַז מיר זיינען נישט ווייט פֿון אַמעריקאַנישן ברעגשפּיץ טשאַרלזוו.
מיר זיינען, אַלזאָ, געפֿאָרן ווייטער, ביז ס׳האָט זיך, ענדלאַך, באַ-וויזן אויפֿן האָריזאָנט אַ בלאַסער שיין און איז באַלד פֿאַרשוואונדן געוואָרן. דאָס איז געווען דער שיין פֿון לייכטטורם אויפֿן אַמע-ריקאַנישן ברעגשפּיץ.
פּלוצלונג אָבער האָט זיך ביי אונדז אויפֿן שיף באַוויזן אַ ווייס פֿייערל, וואָס האָט עטלאַכע מאָל אויפֿגעפֿלאַמט און באַלד דע-רויף ווידער פֿאַרשוואונדן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס פֿייערל אויפֿגעפֿלאַמט אין דער אַנדער זייט, און האָט זיך שוין לייגגער געהאַלטן.
מיר האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן איינאַנדער מיט גאַפֿנדיקע אויגן.
וואָס איז דאָס, צו אַלדי רוחות? עס זעט אויס, ווי די שיפֿן, וואָס האָבן בכּיון פֿאַרלאָשן זייערע פֿייערן, וואָלטן סיגנאַליזירט צווישן זיך.
אַלענפֿאַלס, מוז מען זיין גוט פֿאָרזיכטיק. אַלע אונזערע לייט זיי-נען אַרויסגעגאַנגען אויפֿן דעק פֿון שיף, וואָס איז איצט אינ-גאַנצן געשטאַנען אין וואַסער. בלויז דער טורם האָט אַרויסגע-שטאַרצט, און יעדערער פֿון אונדז האָט זיך גענומען באַאָבאַכטן אין שפּאַקטיוו.
ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן איינגעזען, אַז דאָס ליכט שטאַמט פֿון אַ גאַנץ אומשולדיקן דאַמפֿער, וואָס גייט זיך זיין וועג. באַלד נאָכדעם האָבן מיר טאַקי דערזען אַ שיף מיט

דריי זעגלען, וואָס איז זיך געגאַנגען אָן זייטיקער באַלייכטונג, ווי דאָס איז דער שטייגער, ווען מען געפינט זיך ביים ברעג פון דער יבשה. באַלויכטן איז נאָר געווען דער פאָדערשפּיץ פון דער שיף, און ווייל זי האָט אין גאַנג געמאַכט אַ פּאָר זיגזאַגן, האָט זיך געדאַכט, אַז מען סיגנאַליזירט.
מיט אַ לייכטערן האַרצן האָבן מיר זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער מאַשין און באַלד האָבן מיר דייטלאַכער דערזען דעם שיין פון לייכטטורם אויפן ברעגשפּיץ.
מיר האָבן, אַלזאָ, זיך איבערצייגט, אַז מיר געפינען זיך אויפן ריכטיקן וועג. פאַר אונז איז געלעגן דער איינגאַנג אין דער אַמעריקאַנישער יבשה צווישן אירע ביידע פאָדערשפּיצן. באַלד האָט דאָס ליכט פון לייכטטורם באַלויכטן אונזער גאַנצע שיף.
מיט אַן אומבאַשרייבלאַכן געפיל פון פאַרלייכטערונג האָבן מיר באַגריסט דאָסדאָזיקע ליכט, ווייל איצט האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז מיר ענדיקן סוף-כל-סוף אונזער שווערע נסיעה און מיר זיי- נען ביים ציל: פאַר אונז ליגט אַמעריקע.
מיר האָבן פאָרסירט די לייכט-באָיען אויפן ים-וועג, וועלכע זיי- נען מיר גוט באַקאַנט פון מיינע פריערדיקע נסיעות. איצט הויבן מיר זיך אַרויס איינגאַנצן פון אונטערן וואַסער. מיר זעען די לאַמטערנעס פון פיל פּאַסאַזשירנשיפן, וועלכע האָבן אונז אָבער נישט באַמערקט, ווייל מיר זיינען געגאַנגען אָן באַלייכטונג, ביז מיר האָבן דערגרייכט די אַמעריקאַנישע ים-גרעניץ.
דאָס איז געווען דעם 8-טן יולי, האַלב 12 ביינאַכט.
אַריבערגעקומען די אַמעריקאַנישע גרעניץ, האָבן מיר אָנגעצונדן אונזערע לאַמטערנעס און זיינען זיך רוהיק געפאָרן, ביז מיר זיינען געקומען פאַר די באַלויכטענע דאַמפּערס פון די לאָטסמאַנס. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעגעבן דעם געוויינלאַכן סיגנאַל. פון דעם לאָטסמאַנישן דאַמפּער באַלייכט מען אונז באַלד מיט אַ פּראָזשעקטאָר, ווייל אונזער שיף זעט זיך דאָך נישט אַרויס איבערן וואַסער. קומט צו נעענטער דער דאַמפּער צו אונז און באַלייכט אונז לאַנג מיט זיין פּראָזשעקטאָר. דער לאָטסמאַן שיינט

צו זיין געוואַלטיק פאַרוואונדערט. ענדלאַך האָט איך זיין פראַ-
גע פון רופאַר:
—צו וועלכן פונקט גייט איר?
—צו ניופאָרט-ניוס,—ענטפער איך.
—ווי רופט מען אייער שיף?
—„או-דייטשלאַנד".
—ווי?
—„או-דייטשלאַנד".
דער לאָטסמאַן איז נבהל ונשתומם און ס'נעמט-אַוועק אַ היבש ביסל צייט, איידער ער איז תופס אינגאַנצן, וואָס פאַר אַ מין גאַסט ער האָט פאַר זיך. ווי עס שיינט, האָט עס אויף זיין דאַמפער אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע.
באַלד לאָזט מען אַראָפּ פון דאַמפער אַ שיפל, מיט וועלכן דער לאָטסמאַן פאָרט-צו שנעל צו אונז. מיט גרויס מי קלעטערט ער אַרויף אויף אונזער דייטשלאַנד און, דערזען, ענדלאַך, אונזער פיששיף אונטער זיינע פיס, רופט ער אויס:
—צו אַלדי רוחות, אַן אונטערוואַסערשיף, ווי איך בין!...
און דאַן דריקט ער אונז אַלעמען וואַרים די הענט און ווייזט אַרויס זיין פרייד, צו זיין דער ערשטער אַמעריקאַנער, וואָס האָט באַגריסט די „או-דייטשלאַנד" אין דער פרייער אַמעריקע.
איך פרעג תיכף, צי האָט ער עפּיס געהערט פריער, אַז אַזאַ שיף, ווי אונזערע, דאַרף אָנקומען קיין אַמעריקע. דערקלערט ער מיר, צו מיין אָנגענעמער איבעראַשונג, אַז שוין עטלאַכע טעג ווי עס גייט אַרום אַ „שלעפּער" (אַ דאַמפער, וואָס שלעפּט אויף דער קייט אַנדערע שיפן), וואָס וואַרט אויף אונז.
מיר פאָרן באַלד מיט אונזער לאָטסמאַן אויפצוזוכן דעם „שלע-פער". בינו לבינו האָבן זיך די פּאַסאַזשירנשיפן אַרום אונז דער-וואוסט, וואָס פאַר אַ זעלטענער גאַסט ס'איז געקומען קיין אַמע-ריקע, באַלייכט מען אונז פון אַלע זייטן מיט פראָזשעקטאָרן. אַזוי אַרום איז אונזער אַריינקומען ביינאַכט קיין אַמעריקע פאַרגע-קומען, ווי אין אַן אילומינאַציע.
אונזער „שלעפער" האָבן מיר געמוזט זוכן צוויי שעה לאַנג, ביז

מיר האָבן אים, ענדלאַך, געפונען. דאָס איז געווען דער שלע-פּער „טימינס" אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן הינש, אַן אָנגעשטעלטער פון נאָרד-דייטשן ללאיד.

אונזער שמחה איז געווען גאָר אין לשער. דערדאָזיקער קאַפּיטאַן האָט אין אָנהויב מלחמה געמוזט איבערלאָזן זיין דייטשע שיף „נעקאר" אין באַלטימאָרע. אַליין איז ער זיך געבליבן זיצן אין אַמעריקע. איצט האָט ער געוואַרט אויף אונז גאַנצע צען טעג און ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן שטאַרק זאָרגן פאַר אונזער שיקזאַל.

ער האָט אונז געהייסן גיין נישט קיין ניופּאָרט-ניוס, נאָר קיין באַלטימאָרע, וואו אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט אויפצונעמען אונז.

מיר זיינען דעריבער אָפּגעפאָרן אין דער באַגלייטונג פון „טי-מינס" קיין באַלטימאָרע און בעת מעשה שטאָלץ אַרויפגעהויבן אונזער דייטשע פאָן. מיטן טאָג זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין אויסגוס פון באַלטימאָרע. אַלע שיפן, סיי נייטראַלע און סיי אַמע-ריקאַנישע, האָבן אונז מקבל-פנים געווען מיט אַ הילכיקער פּיי-פעריי פון זייערע מאַשינעס. בלויז איין איינגלישע שיף איז שטיל פאַרבייגעגאַנגען. קאַפּיטאַן הינש האָט דערביי גוט אַכטונג געגעבן, דער איינגלענדער זאָל זיך נישט אָנשטויסן „נישט-ווילנ-דיק" אָן אונזער „דייטשלאַנד".

די שיף „טימינס", האָט אונז אויך אַרויסגעהאָלפן אין אַנדערע זאַכן. מיר האָבן אויף אַלע באַגריסונגען געקאָנט ענטפערן נאָר דורך אַ סירענע, וואָס אַרבעט מיט געפּרעסטער לופט. דאָס וואָלט אונז אָבער געקאָסט צו-טייער. „טימינס" האָט דערביי געענט-פערט, אָנשטאָט אונז, מיט זיין סירענא-פייפל, וואָס האָט פונקציאָ-נירט דורך דאַמף.

וואָס ווייטער מיר זיינען אַריין אין אויסגוס, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער ליאַרם. פאַר אונז איז דאָס געווען אַן אמתער יום-טוב: מיר האָבן, נעמלאַך, געזען, אַז מען שאַצט אָפּ, ווי געהע-ריק, אונזער נסיעה.

אַרום פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט דער „טימינס" שוין געקאָנט

זיך עטוואָס אָפּרוקן פון אונז. מען האָט אונז דערלאַנגט אַ טאָג אייז; געשווינט האָבן מיר דערויף אָפּגעקילט אַ פּאָר פלאַש סעקט און געמאַכט אַ פיינעם „לחיים” לכבוד אונזער אָנקומען קיין אַמעריקע. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן דאָס קאַלטע געטראַנק האָט אונז פאַרשאַפט, דאָס קאָן זיך משער זיין נאָר דער, וואָס האָט עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד געמוזט לעבן אין אַ פאַרשפאַרטער לופט און ביי 53 גראַד היץ.

משמעות, אין אַמעריקע האָט זיך בליץ-שנעל פאַרשפרייט די ידיעה וועגן אונזער אָנקומען, ווייל בשעת מיר האָבן נאָך געהאַלטן ביי עטלאַכע שעה רייזע פון באַלטימאָרע, זיינען שוין געקומען פיל שיפלאַך מיט צייטונגסרעפּאָרטערן און מיט אַפּאַראַטן פון „קינאָס”, צו פאָטאָגראַפירן אונזער שיף און איר גאַנג. און כאָטש ס׳איז שוין געוואָרן בין-השמשות, האָט מען דאָך נישט אויפגעהערט אונז אויסצופרעגן איבער יעדער קלייניקייט. צו אונזער גליק האָט זיך אָבער אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט און, אָנשטאָט די וואַרטער-כוואַליעס, האָבן זיך אויפגעהויבן שטאַרקע וואַסער-כוואַליעס. די גאַסטשיפלאַך האָבן געמוזט אָפּפאָרן צוריק און לאָזן אונז צורו און מיר זיינען, אין דער באַגלייטונג פון „טימינס”, אין אָוונט רוהיק און שטיל אַריינגעקומען אין באַלטימאָרער האַפן.

ס׳איז שוין געווען עלף אַ זייגער אין אָוונט, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל פאַראַנקערט אונזער שיף פאַר דעם אַמעריקאַנישן באָדן.

„או-דייטשלאַנד” איז, ענדלאַך, געקומען צום ציל!

קאַפּיטל צען.

אויף צומאָרגנס האָט אונזער ערשטער בליק באַגעגנט דעם איבערגעגעבענעם „טימינס", וועלכער איז זיך געלעגן פּאַראַנ־קערט נעבן אונז, ווי אַ געטרייער שומר.

אַרום פינף אַ זייגער אינדערפרי איז געקומען צו אונז דער קאַ־ראַנטין־דאָקטאָר. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם געזונטהייטס־אַטעסטאַט, וואָס דער אַמעריקאַנישער קאָנסול אין ברעמען האָט אונז געהאַט אַרויסגעגעבן דעם 13־טן יוני. דאַן האָט דער דאָק־טאָר באַזוכט די שיף און געלאָזט אונז פריי. פאַרן אַוועקגיין האָט ער דריי מאָל אויסגערופן „הוראַ!" לכבוד אונזער אונטער־וואַסערשיף.

דאַן האָבן מיר ווידער אויפגעהויבן דעם אַנקער און זיך געלאָזט גיין צום אָרט, וואָס איז באַשטימט געוועזן פאַר אונז. קיין איינ־ציקע שיף אין דער וועלט איז נאָך נישט געפאָרן, ווי מיר דאָס־מאָל: פון אַלע זייטן זיינען געשטאַנען שיפן מיט קינאָ־אַפּאַראַטן, אַרונטערצונעמען אונזער קלענסטע באַוועגונג. יעדע מינוט האָט זיך געהערט אַ הוראַ־אויסרוף אָדער:

—זייט אַזוי גוט, ווייזט אונז די גאַנצע געשטאַלט!

—גיט זיך אַ קער מיטן פנים צו אונז, מיר מוזן אייך גענויער זען, צו קאָנען פאָטאָגראַפירן.

אַזעלכע אויסרופן האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן.

איך בין געשטאַנען אויפן טורם, געוואונקען אויף רעכטס און אויף לינקס און געלאַכט פון פולן האַרצן, ווייל איך האָב גע־

האָט גרויס תּענוג צו זען, ווי מען אינטערעסירט זיך מיט אונז און מיט יעדער קלייניקייט, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו אונז.

אין אַזאַ פרייליכער שטימונג זיינען מיר, ענדלאַך, געקומען צום באַשטימטן אָרט, ביי לאַקוז־פּוען. דאָ האָט אונז קאַפּיטאַן הינש באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן, ווייל ער האָט נאָך פריער געאַר־בעט פאַר אונז וואָכנלאַנג. „אור־דייטשלאַנד" האָט געפונען פאַר זיך אַזאַ זיכערן אָרט, אַז זי איז אינגאַנצן אָפּגעצוימט געווען פון יעדער פרעמדער שיף דורך באַלקנס און פאַרשפּאַרונגען מיט נעצן. קיין שאָדן מן־הצד האָט מען איר שוין נישט געקאָנט מאַכן. דער אָרט גופא איז אויך געלעגן אָן אַ זייט פון אַלע שיפן און מצד דער יבשה איז זי געווען אָפּגעצוימט מיט אַ גראָבן און מיט שטעכנדיקן דראָט. אויסער דעם אַלעם, זיינען פיל שיפלאַך צוזאַמען מיטן „טימינס" טאָג און נאַכט געשטאַנען אַרום אונז אויף דער וואַך. ביינאַכט פלעגט „טימינס" באַלויכטן די געגנט מיט פּראָזשעקטאָרן: אפשר מאַכט עמיץ אַ פּראָבע אונטערצוקומען צו „אור־דייטשלאַנד" מיטן צוועק צו שעדיקן איר.
די שיף איז אַזוי אָפּגעצוימט געווען פון אַלע זייטן, אַז מען האָט זי געקאָנט באַאָבאַכטן נאָר פונדערווייטן. אָן אַ זייט פון שיף איז געלעגן פאַראַנקערט אַ פּראָם. אויף אָט דעם פּראָם זיי־נען זיך תּמיד געזעסן די צייטונגסרעפּאָרטערן מיט זייערע פאָ־טאָגראַפישע אַפּאַראַטן. זיי פלעגן אַראָפּפאָטאָגראַפירן יעדע באַ־וועגונג אויפן שיף. ביינאַכט אַפילו פלעגן זיך זיצן צוויי פון זיי, וואָס פלעגן אונז היטן. דער „טימינס" פלעגט אין אַזאַ פאַל זיי ווייליקווייז באַלייכטן מיט זיין פּראָזשעקטאָר און אַזוי־אַרום האָבן זיי אויסגעזען, ווי צוויי גרויסע שפּינען, וואָס האָבן זיך פאַרדרייט אין זייער שפּינוועבס ביי אַ לאָמפּ און קאָנען זיך נישט באַפרייען. קאַפּיטאַן הינש האָט אונז אויף זיין שיף „נעקאַר" באַזאָרגט מיט אַלץ, אין וואָס מיר האָבן זיך נאָר גענויטיקט.

אייגנטלאַך וואָלטן מיר אַליין גאָרנישט געהאַט געגן דעם, אַז די אַמעריקאַנער זאָלן קומען באַוואונדערן אונזער שיף, אָבער־

מען האָט געמוזט זיין פאָרזיכטיק, טאָמער קומט עמיץ פון זיי מיט אַ באָמבע, צו שעדיקן אונזער אונטערוואַסערשיף; דעריבער איז אַלעמען שטריינג פאַרבאָטן געווען אַרויפצוטרעטן אויף דער שיף, און מיט אמתן פאַרדרוס האָבן מיר געמוזט אויך אָפּזאָגן אין אַ באַזוך אַפילו יענע אַמעריקאַנער, וועלכע זיינען געקומען פון ווייטן מערב אין אויטאָמאָבילן, צו קאָנען באַטראַכטן אונזער שיף. בלויז פאַר די פילם-געזעלשאַפטן האָבן מיר געמאַכט אַן אויסנאַם. אַזוי, למשל, האָב איך זיי געלאָזן פאָטאָגראַפירן דעם מאָמענט, ווען מיר אַלע זיינען אַרויפגעקומען אויפן אַמעריקאַנישן באָדן.

מיין ערשטע נסיעה אין שטאָט אַריין איז געווען אַן אמתע טריומף-נסיעה. מיין אויטאָמאָביל האָט אומעטום זיך געמוזט אָפּ-שטעלן, כדי אויסצוהערן באַגריסונגען און יעדערער האָט מיר דוקא געוואָלט דריקן די האַנט. אין באַלטימאָרע האָב איך פשוט געשטערט די באַוועגונג אין די גאַסן, אַזוי גרויס איז געווען דער המון, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט מיך צו זען.

קודם כל האָב איך געמוזט קומען אין דער אָפּצאָלקאַמער פון דער גרעניץ און דאָרט האָב איך בייגעלייגט אַ דעקלאַראַציע וועגן די געבראַכטע סחורות. מען האָט מיך דאָרט אויפגענומען זייער פריינטלאַך און מיט די שענסטע באַגריסונגען. דאַן בין איך אַוועק אין דער אַגענטור, וואו איך בין באַגעגנט געוואָרן דורך אַ גאַנצן עולם פּרעסעלייט. דאָרט האָב איך מיך געמוזט לאָזן אינטערוויוירן דורך הונדערטער מענער און פרויען. יע-דער פון זיי האָט מיר געשטעלט פראַגן און יעדער האָט דוקא געוואָלט באַקומען פון מיר אַליין אַן ענטפער. איינער האָט גע-פרעגט וועגן פריוואַטלאַכע ענינים, אַ צווייטער, וועגן פּאָליטיק. איין דאַמע, למשל, האָט אויסגערופן:

— הער קאַפּיטאַן, דערציילט מיר, וואָס איז אַן אונטערוואַסערשיף?

אַ צווייטע האָט געפרעגט:

— צי איז עס אמת, אַז אין דייטשלאַנד שטאַרבן קינדער, ווייל ס'פעלט זיי אַ ביסל מילך?

און אַ גוט אויסגעפּאַשעטער מאַן האָט געפרעגט:
—זאָגט נאָר, קאַפּיטאַן, וויאַזוי האָט איר געלעבט אין שיף?

אָפּט האָט מען געפרעגט:
—וואָס פאַר אַ בריוו האָט איר געבראַכט פאַר פּרעזידענט ווילסאָן פון קייזער ווילהעלם?
—ווען רעכנט איר צוריק אָפּצופאָרן פון באַלטימאָרע?
פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזעלכע פראַגן האָב איך נישט געקאָנט ענטפערן. ס'איז מיר איבערהויפּט אוממעגלאַך געווען אַלעמען צו ענטפערן, דען מיין שטים איז געווען דערצו צו-אָרים. כ'בין געשטאַנען, ווי אַ שיף אינמיטן ים, אויף וועלכע די כוואַליעס וואַרפן זיך פון אַלע זייטן אַלץ העכער און העכער. איך בין ביסלאַכווייז פאַרשלונגען געוואָרן צווישן זיי, כדי זיך צו ווייזן שפּעטער אין דער פרעסע צוגלידערט און געשילדערט שטיקערווייז.
און אָט אַזוי בין איך געקומען אויך אין דייטשן קלוב, וואו מען האָט געפייערט פאַטריאָטיש מיין אָנקומען און מען האָט גערעדט מיט שטאָלץ און ליבשאַפט וועגן אונזער פאָטערלאַנד.

די טעג נאָכדעם, האָבן געדאַרפט ווערן פאַר אונז אמתע פייער-טעג אָן אויפהער. נאָר ווער ס'איז באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַנישער הכנסת-אורחים און מיטן אַמעריקאַנישן ענטוזיאַזם, קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי הערצלאַך מען האָט אונז אומעטום אויפגענומען. וואוהין נאָר מיר זיינען געקומען, האָט מען אונז באַגריסט מיט התלהבות. ס'האָט פשוט גערעגנט מיט איינלאַדונגען; מען האָט איינגעאָרדנט באַנקעטן און בעלער, און ווען צוויי פון מיינע לייט זיינען איינמאָל דערקענט געוואָרן אין גרויסן שטאָטגאָרטן, האָט די מוזיק באַלד אָנגעהויבן שפּילן לכבוד זיי און מען האָט זיי באַלויכטן מיט פראָזשעקטאָרן. בינו לבינו האָט אויך די אַמעריקאַנישע רעגירונג אָנגענומען אַ געוויסע שטעלונג בנוגע אונזער שיף. דער איינגלישער און פראַנצויזישער געזאַנדטער האָבן פראָטעסטירט געגן דעם, וואָס אונזער אונטערוואַסערשיף שטייט

אַ פריייע ביי די אַמעריקאַנישע ברעגן, אָבער די אַמעריקאַנישע רעגירונג האָט אָנדערקענט, אַז דאָס איז אַ נישט-באַוואָפנטע האַנדלסשיף, וואָס האָט אַפילו נישט קיין געווער זיך צו פאַרטיידיקן און אַזעלבע שיפן קאָן מען ביי אונז נישט פאַרבאָטן צו שטיין פריי איז האַפן. דעם 12 יולי איז פון וואַשינגטאָן געקומען אַ קאָמיסיע פון דריי אַמעריקאַנישע פלאָט-אָפיצירן, וועלכע האָבן זייער גענוי רעווידירט אונזער שיף. מיר האָבן זיי אַלץ געוויזן. די רעוויזיע האָט געדויערט דריי שעה לאַנג. די אָפיצירן זיינען אַריינגעקומען אין אַלע ווינקעלאַך פון שיף, זיי האָבן אויך גוט אַרומגעזען די מאַשין-אָפטיילונג און האָבן העכסט באַוואונדערט די גענויאַלע קאָנסטרוקציע פון דער שיף און איר קאָמפליצירטן מעכאַניזם. קיין געווער האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געפונען און אַרויסגעגעבן אונז אַן אַטעסטאַט, אַז די „או-דייטשלאַנד” איז אַ כשרע האַנדלסשיף.

די באַנקעטן לכבוד אונז האָבן לחלוטין נישט אויפגעהערט. אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף אונז דער באַנקעט פון דער אָרטיקער דייטשער קאָלאָניע. דער עולם איז געווען גרויס און יעדערער האָט ביי אַ גלעזל וויין געוואָלט דוקא מיר דריקן די האַנט. אַזאַ זאַך איז אָבער געווען גאָר אוממעגלאַך ביי אַזאַ גרויסן עולם. לסוף איז מען געפאַלן אויף אַ המצאה: נאָכן באַנקעט האָט מען מיך אַריינגענומען אין אַן אויטאָמאָביל אויף דער גאַס און יעדער איז זיך, לויט דער ריי, פאַרבייגעגאַנגען און געדריקט מיר די האַנט. דידאָזיקע צערעמאָניע האָט געדויערט לאַנג, אָבער זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פיל האַרציקייט און וואַרים געפיל.

דעם 20-טן יולי האָט אונזער „או-דייטשלאַנד” באַזוכט דער דייטשער געזאַנדטער אין אַמעריקע, גראַף בערנסטאָרף מיט זיין סוויטע, וועלכער איז ספעציעל געקומען קיין באַלטימאָרע. מיר האָבן אים מיט פאַרגעניגן באַוויזן אַלע אָפטיילונגען פון אונזער שיף, איר גאַנג און איר אָנלאָדונג, וועלכע האָט שוין געהאַלטן אין דער רעכטער אַרבעט. גראַף בערנסטאָרף האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט, וואָס מיר האָבן אים געוויזן און

דערבײַ האָבן מיר אים געגעבן גענויע דערקלערונגען וועגן דעם גאַנצן שיפּמעכאַניזם.

דעם אייגענעם טאָג אין אָוונט האָט דער בירגערמייסטער פון באַלטימאָרע געגעבן לכּבוד אונז אַ מיטאָג אין דער געגנוואַרט פון דעם דײַטשן געזאַנדטן. דערדאָזיקער מיטאָג האָט געטראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, ווײַל עס האָבן זיך באַטייליקט אין אים פיל אָפיציעלע פּערזענלעכקייטן און עס זײַנען געהאַלטן געוואָרן פּאָליטישע רעדעס. מען האָט באַטאָנט די גרויסע באַדײַטונג פון אונזער נײַעם פּרוב פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער שיפערײַ, די וויכטיקייט פון דער דײַטש-אַמעריקאַנישער פרײַנטשאַפט פאַרן וועלטשלום און דעם כּבוד פאַר באַלטימאָרע אויפצונעמען די ערשטע פּראַכטשיף, וואָס איז געקומען אונטערן וואַסער.

און בשעת עס זײַנען פאָרגעקומען די דאָזיקע פײַערלעכקייטן, איז זיך אויפן שיף געגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. מען האָט גע- דאַרפט די שיף אויסלאָדן און נאָכדעם זי אָנלאָדן מיט אַמערי- קאַנישע סחורות. צו דערדאָזיקער אַרבעט האָבן מיר צוגעלאָזן נאָר נעגערס,--מענטשן מיט קנאַפּער אָריענטאַציע, פאַר וועלכע מיר האָבן נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, אַז זיי וועלן אונז קאָנען טאָן שאָדן. איידער יעדער נעגער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, האָבן מיר אים געלאָזט זיך אויסטאָן מוטערנאַקעט און באַזוכט, צי ער האָט נישט בײַ זיך קיין אויפרײַסמאַטעריאַלן. אַזאַ פאָרזיכטיקייט איז געווען דורכאויס נויטיק...

ווען די אַמעריקאַנער האָבן, ענדלאַך, דערזען אויפן ברעג די בערג סחורות, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן מיט אונזער שיף, זײַנען זיי פּשוט נבהל ונשתּומם געוואָרן. אָבער נאָך מער האָבן זיי זיך געחדושט, ווען זיי האָבן דערזען, וואָס פאַר אַ גרויסע בערג סחורות עס ליגן אָנגעגרייט אויפן ברעג פאַר אונז: זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט גלויבן, אַז די אַלע מאַסן סחורות זאָלן קאָנען געפינען אַן אָרט אין אונזער קליין שיפעלע. אָ, ווען זיי וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אונזער „או-דײַטשלאַנד”, וואָלט זייער פאַרוואונדערונג נאָך גרעסער געוואָרן. די גאַנצע שיף איז גע- לעגן נישט אויפן וואַסער, נאָר אונטער אים, אַזוי, אַז מען קאָן

זאָגן, אַז אַפּילו ווען מיר זיינען געשוואומען פון אויבן, זיינען מיר אויך געלעגן אונטערן וואַסער, ווייל אויפן וואַסער, ריכטי־קער, „אין וואַסער" איז געווען דער דעק פון דער שיף און נאָר דער באַאָבאַכטונגסטורם איז ווירקלאַך געווען איבערן וואַסער.

אָנלאָדן די סחורות איז אויך נישט געווען אַ לייכטע זאַך. די שוועריקייט איז באַשטאַנען נעמלאַך דערין: ערשטנס, מוז דאָס געוויכט זיין העכסט גענוי, דען קיין איבעריקע משאַ טאָרן מיר נישט אויפנעמען; צווייטנס, מוז די משא זיין איינגעטיילט אַזוי, אַז זי זאָל ליגן גלייך פאַנאַנדערגעלייגט איבער דער גאַנצער שיף און אַז עס זאָל נישט זיין אין איין ווינקל שווערער, ווי אין אַ צווייטן, ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט די שיף פאַרלאָרן איר גלייכגעוויכט און זיך געשאָקלט אין גאַנג, ווי אַן אומרו. צוליב דעם האָבן מיר פריער צוזאַמענגעשטעלט דעם פּלאַן פון אַלע ערטער אין שיף מיט אַ גענויער באַצייכנונג, וואו עס דאַרף ליגן משא און ווי גרויס עס קאָן זיין דאָס געוויכט. ביים אָפּוועגן און פאַנאַנדערלייגן די משאות האָבן מיר אַליין געמוזט גוט אַכ־טונג געבן דעריף, און מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אַר־בעט דאָס איז געווען, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן 125 טויזנט פוד משא! דריטנס, איז די עפענונג פון אונזער שיף נישט געווען אַזוי גרויס, אַז מען זאָל קאָנען מיטאַמאָל אַראָפּלאָזן גרויסע פעק, אָדער אָוועקשטעלן אַ הויבמאַשין, וואָס זאָל די משאות אויפהויבן און אַראָפּלאָזן אין שיף אַריין, ווי דאָס קומט פאָר ביי אַ גרויסער געוויינלאַכער פראַכטשיף. אָט דאָס אַלץ האָט געפאָדערט פיל צייט און געוואַלטיקע אָנשטרענגונג און איבער־נאַטירלאַכע אַרבעט.

דידאָזיקע אַרבעט איז אָבער, ענדלאַך, אָפּגעטאָן געוואָרן מיט דער געהעריקער פּינקטלאַכקייט און גענויאיקייט!

קאַפּיטל עלף.

אויידער איך וועל דערציילן, וויאַזוי מיר האָבן געמאַכט צוריק די נסיעה אַהיים, מוז איך דאָ איבערגעבן אַ נאָטיץ אין דער ענגלישער „מאָרנינג פּאָסט" פון 18-טן יולי. אָט וואָס די צייטונג האָט געשריבן וועגן „או-דייטשלאַנד":

„די פּראַכטשיף „דייטשלאַנד" איז, צוליב אירע אייגנשאַפטן, אַלס אונטערוואַסערשיף, אַ קריגסשיף און מען דאַרף זיך מיט איר באַגיין, ווי מיט אַזעלכער. און דעריבער וועלן די קריגסשיפן פון די פאַרבינדעטע אויסנוצן אַלע מעגלאַכקייטן אָפּצושטעלן די שיף אויסער דער אַמעריקאַנישער גרענעץ און דערטרינקען זי אָן אַ התראה פאָרויס".

אָט אַזוי האָט געמעלדעט דער טעלעגראַף דעם 19-טן יולי אין די ניואָרקער צייטונגען. מיר האָבן זיך דערפאַר ווייניק-וואָס געשראָקן. אדרבה, איצט האָבן מיר געוואוסט, וואָס מיר האָבן צו טאָן און ממילא זיין וואָס פאָרזיכטיקער.

בינו לבינו איז שוין באַוואוסט געוואָרן, אַז אַכט פיינטלאַכע קריגס-שיפן מיט פיל אויסשפּירער-שיפן שטייען אויפן ים פאַר דער אַמעריקאַנישער וואַסערגרעניץ און וואַרטן אונז אָפּ, צו מאַכן אַ תל פון אונז, באַלד ווי מיר וועלן זיך נאָר באַווייזן.

מיר האָבן אָבער אויך געוואוסט, אַז מיר האָבן שוין אין דער נסיעה קיין אַמעריקע זיך אַדורכגעריסן דורך דער פיינטלאַכער קייט. אמת, קיין שפּאַציר-נסיעה איז דאָס געוויס נישט געווען,

אָבער זי איז דאָך אונז יאָ געלונגען. ווי אַ שפּאַס האָט אונז געקלונגען די דערקלערונג פון איינגלישן קאַפּיטאַן גאונט ביים איינגלישן קאָנסולאַט אין אַמעריקע; דערדאָזיקער קאַפּיטאַן האָט באַרוהיקט דאָס איינגלישע פּובליקום אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: „אַ גרויסע אונטערוואַסערשיף מוז איבערלאָזן נאָך זיך אויפן וואַסער אַ היבשן שפּור פון אייל, ווען זי טוקט זיך אונטער. און לויט אָט דער שפּור וועלן מיר שוין פּאַקן די שיף. אונזערע קרייסערשיפן וועלן גיין שנעל לויט דעמדאָזיקן שפּור און זיכער פּאַקן די אונטערוואַסערשיף״.—דידאָזיקע דערקלערונג האָט ער געמאַכט נאָך איידער מיר זיינען געקומען קיין אַמעריקע. די איינגלישע קריגסשיפן האָבן אונז נישט געכאַפּט, הגם זיי האָבן אונז גוט אַרומגעזוכט. אַזוי וועט עס זיכער אויך איצט זיין אין דער נסיעה צוריק אַהיים.

דאָך פּאָרזיכטיק, פּאָרזיכטיק!

ס׳איז, ענדלאַך, געקומען דער ערשטער אויגוסט. מיר האָבן זיך האַרציק צוזעגנט מיט אַלעמען און אויך דורכגעמאַכט אַלע פּאַר-מאַליטעטן. איצט קאָנען מיר זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין— זיך באַגעגענען מיטן איינגלישן קריגספלאָט!

אונזער אָפּפאָר האָט זיך פאַרצויגן, ווייל מיר האָבן געמוזט אָפּ-וואַרטן, ביז דאָס וואַסער וועט שטייגן ביים ברעג ים, צו קאָנען מאַכן די פּראָבע מיטן אונטערטוקן זיך. דאָס וואַסער שטייגט אָבער ביים ברעג זייער לאַנגזאַם. ס׳בלאָזט אַ צפון-ווינט, וואָס האַלט אָפּ דאָס וואַסער, עס זאָל נישט אַריינקומען אינם באַלטי-מאָרער ים-אויסגוס.

מיר וואַרטן געשפּאַנט. ענדלאַך, נאָכמיטאָגצייט, צוואַנציק מינוט אויף זעקס, איז אָנגעקומען דער מאָמענט. מען בינדט אָפּ די שטריק, וואָס האַלטן אונז צוגעפעסטיקט צום ברעג; די וואַכ-שיפן עפענען פאַר אונז דעם וועג און „או-דייטשלאַנד״ רירט זיך מאַיעסטעטיש פון אָרט אין ים אַריין. דער שלעפּער „טימינס״ גייט אונז באַגלייטן, ווי אַ געטרייער הונט זיינע שעפעלאַך. אַרום אונז גייען אויך פיל שיפלאַך מיט צייטונגסרעפּאָרטערן, אָבער דער „טימינס״ לאָזט זיי נישט צו נאָנט צו אונז.

דערווייל האָבן מיר נאָך גאָרנישט, וואָס מורא צו האָבן. די אַמעריקאַנישע פּאָליציישיף, באַגלייט אונז און אויף די שיף פון דער גרענעצקאַמער האָט באַקומען אַ באַפעל אָפּצוהיטן אונז ביז דער אַמעריקאַנישער ים-גרענעץ.

הונדערטער מענטשן שטייען אויף אַלע ברעגן אַרום און ווינקען אונז אַ גליקלאַכע נסיעה. מען שרייט „הוראַ!" די שיפן אַרום פייפן מיט זייערע דאַמפּפייפלאַך, מען באַגריסט אונז מיט די פאַ-נעס, ס'איז אַ ליאַרם, אַ געפילדער, אַ בהלה.

ווי נאָר מיר זיינען אַרויס אין פרייען ים, האָבן מיר געלאָזט אַרבעטן אונזערע מאַשינעס מיט דער גאַנצער קראַפט. מיר גייען אַזוי געשווינט, אַז די שיפלאַך אַרום שטייען אָפּ; אַפילו דער געטרייער „טימינס" מוז זיך שטאַרק אָנשטריינגען, כדי צו גיין גלייך מיט אונז. די הוראַ-געשרייען ווערן שוואַכער, די שיפן אַרום ווערן ווייניקער, און נאָר די שיף פון דער גרענעצקאַמער גע-פינט זיך נישט ווייט פון אונז. אַרום זיבן אַ זייגער איז אויך אָט די שיף פאַרשוואונדן און בלויז „טימינס" איז נאָך מיט אונז צוזאַמען. יאָ, מיר האָבן נאָך איין באַגלייטער און דוקא נישט קיין געוואונשענעם, אָבער מיר קאָנען פון אים נישט פטור ווערן.

דאָס איז געווען אַ פלינקע שיף, מיט אַ שפּיציקער נאָז און אַ פלאַכן דעק, אַן עכטע לויפשיף, און געזאָגט האָט מען, אַז אָט די שיף גייט מיט אַ קראַפט פון אַכציק פערד און מיט אַ שנעל-קייט פון 37 ווייאָרסט אַ שעה. דידאָזיקע שיף זאָל שוין האָבן געהאַט געדונגען אַ געוויסער הער נאָך מיט צען טעג פריער פאַר אַ פּרייז פון צווייהונדערט דאָלאַר אַ טאָג. דערפון האָט מען, אַלזאָ, געקאָנט זען, ווי שטאַרק ער איז געווען פאַראינטע-רעסירט אין זיין „לויף-ספּאָרט" מיט „או-דייטשלאַנד"...

פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין קראַפט און געשווינטקייט, האָט זיך דער הער מיט זיין שיפל געדרייט אַרום אונז אין פאַרשידענע בויגונגען און ליניעס. ווי אַ פליג ביים פייער פון אַ לאָמפּ, האָט ער געטאַנצט אַרום אונז, אָבער דער בראַווער „טימינס" האָט אים געהאַלטן ווייטער פון אונז אויף אַ געוויסן מרחק. אינגאַנצן

פאַרטרייבן איס האָט מען אָבער נישט געקאָנט. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן ביז אין שפּעטן אָוונט אַריין.

אַרום אַכט אַ זייגער האָט גענומען בלאָזן אַ ווינט, באַלד האָבן זיך אויפגעהויבן כוואַליעס, וואָס האָבן אַלץ העכער און העכער געשטייגט און פריילעך געפּאַטשט דעם דעק פון אונזער שיף.

אונזער נישט-געוואונשענער באַגלייטער האָט דערווייל אָנגעצונדן זיינע לאַמטערנעס. אָבער איצט האָט ער זיך שוין אַרום אונז נישט געדרייט, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן הינטער אונז. ס'איז געווען זייער שיין צו זען, ווי זיינע לאַמטערנעס האָבן אַמאָל באַלויכטן די כוואַליעס, אַמאָל זיינען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער זיי, יעדעס מאָל אָבער ווייטער פון אונז.

אַרום צען אַ זייגער האָבן מיר שוין געהאַט גאָר הויכע כוואַליעס, די לאַמטערנעס האָבן זיך געזען אַלץ ווייטער. אויף צומאָרגנס, מיטן באַגינען, איז שוין די שיף אינגאַנצן פאַרשוואונדן; דער ים אַרום איז געווען ליידיק. באַלד אָבער האָבן זיך באַוויזן פיל פישערשיפלאַך, און מיר האָבן זיך געקאָנט שרעקן, אַז אַט דאָ, אין די נייטראַלע וואַסערן, וועלן מיר לייכט אַריינפאַלן אין די אויסגעשטעלטע נעצן... אין דעם אייגענעם מאָמענט אָבער מיר ווידער דערהערט הוראַ-אויסרופן: דאָס איז געווען אַ געזעל-שאַפט פון צייטונגסרעפּאָרטערן, וועלכע זיינען געפאָרן דורך נאַכט צו זען אונז אַ וויאָרסט 80—90 ווייט פון באַלטימאָרע.

אַרום זעקס אַ זייגער אינדערפרי האָבן מיר זיך, ענדלאַך, געפּו-נען אויפן פרייען ים, און איצט מוזן מיר מאַכן אַ פּראָבע זיך אונטערצוטוקן. איך האָב געוואָלט, ענדלאַך, ווידער נעמען אין מיין פעסטער האַנט די שיף מיט מיינע מענטשן, זאָלן זיי זיך פאַרגעסן שוין אַמאָל אָן די פריילאַכע טעג אויף דער יבשה אין אַמעריקע. מען מוז זיין גרייט געגומען צו ווערן „אין געפאַנ-גענשאַפט" דורכן פיינט...

די ערשטע פּראָבע איז געלונגען. דער „טימינס" איז נאָך אַלץ געווען נעבן אונז, און קאַפּיטאַן היגש האָט מיר שפּעטער גע-זאָגט, אַז ער האָט זיך צוגעקוקט מיט גרויס אימה, וויאַזוי די

„או-דייטשלאַנד" איז אין געציילטע מינוטן פאַרשוואונדן געוואָרן אין די כוואַליעס אין טיפן ים אַריין.

כ'האָב מיך באַלד אויפגעהויבן צוריק. אַלץ גייט כשורה. איצט מוז מען אָבער זען, צי קאָן איך אויך „ליגן" טיף אויפן גרונט. די מאַפע האָט מיר געוויזן, אַז דאָרט, וואו איך געפין, זיך האַלט דער ים דרייסיק מעטער די טיף. מען דאַרף זיך, אַלזאָ, אָט דאָ אַנידערלעגן אויפן גרונט.

ביי מיר אויפן שיף ווערט ווידער טויט-שטיל. דאָס טאָגליכט פאַרשווינדט, ס'הערט זיך נאָר דאָס זינגען און זשומען פון די ווענטילאַטאָרן ביים אונטערטוקן זיך. איך קוק אויפן מאַנאָ-מעטער: מיר געפינען זיך אין אַ טיפקייט פון 20—25 מעטער, באַלד וועט מסתם זיין 30 מעטער און דאַן וועל איך דערהערן, ווי מיר זעצן זיך אויפן גרונט...

עס הויבט זיך אָבער גאָר נישט אָן!

דער זייגער אויפן מאַנאָמעטער ווייזט מיר 32—33—35 מעטער די טיף...

גיב איך אַ קלאַפּ דעם מאַנאָמעטער, אפשר איז ער קאַליע גע-וואָרן,—ניין, ער ווייזט ריכטיק.

צו אַלדי שוואַרץ יאָר, וואָס איז דאָס?—טראַכט איך. איך כאַפּ זיך צו דער מאַפּע.

יאָ, דאָ שטייט שוואַרץ אויף ווייס: 30 מעטער טיף איז דאָ דער ים. מיר אָבער, מיר זינקען זיך רוהיק טיפער. דאָס ציפערבלאַט ווייזט אונז שוין 40 מעטער טיף. די זאַך קומט מיר פאָר קשה. פרעג איך אָן אין צענטראַלע, ענטפערט מען מיר, אַז דער גרויסער דינאַמאָמעטער ווייזט 40 מעטער טיף. עס שטימט, אַלזאָ. און די שיף זינקט ווייטער און ווייטער אַלץ טיפער.

די מענטשן אין דער צענטראַלע קוקן זיך איבער פאַרוואונדערט. וואָס הייסט דאָס? ס'איז דאָך גאַנץ ביטער, ווען מען ליגט זיך אַזוי אין דער שטיל אונטערן וואַסער פון ים און מען זעט נאָר, ווי דער מאַנאָמעטער באַווייזט, אַז מען זינקט טיפער אין שאול תחתיה...

שטיי איך ביי מיר אין טורם און שטודיר דעם מאַנאָמעטער: מיר האַלטן שוין איבער 45 מעטער די טיף. אָט ווייזט שוין דער זייגער 48 מעטער די טיף. איך האַלט אין איין טראַכטן: ווי טיף איז פאָרט דאָ דער ים? ער מוז דאָך פאָרט האָבן אַ דנאָ! אָבער די שיף זינקט זיך ווייטער. אָט איז עס שוין טיפער פון 50 מעטער און עס שפירט זיך נישט, אַז עס זאָל האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ גרונט.

קלעטער איך אַרויף אין דער צענטראַלע און בין מיך מישב מיטן אינזשעניער און מיט בײדע וואַכאָפיצירן. משמעות, מיר געפינען זיך אין אַ לאָך, וואָס איז אויף דער מאַפּע נישט פאַרצייכנט. מילא, קיין בייז נישט. ס'איז, אייגנטלאַך, אַלצאיינס, צי זיין 30 אָדער 50 מעטער די טיף.

וויל איך געבן אַ באַפעל זיך אויפצוהויבן צוריק, אָבער איך דערזע דעם קאָמפּאַס און שפּרינג אָפּ, ווי אַן אָפּגעבריטער צוריק.

צו אַלדי רוחות, וואָס איז דאָס? דער קאָמפּאַס האָט זיך אָפּגערוקט פון אָרט, די נאָדל טאַנצט און שפּרינגט אַרום איר אַקס. די געשיכטע זעט מיר שוין אויס אַ ביסל שרעקלאַך... מיר פאַלט איין: צי דרייען מיר אַליין זיך נישט אַמאָל אויף איין אָרט מיט אונזער שיף?...

איך הייס תיכף אָנשטעלן די פּאָמפּעס, אָבער עפּיס געפעלט מיר נישט זייער געזאַנג, עפּיס כריפּען זיי מיר צו־שטאַרק... מיר ליגן אין אַ גרוב און די פּאָמפּעס ווירקן נישט.

מער ווי דאָס פעלט אונז נישט. איך מוז זאָגן דעם אמת, גאָר זיכער זיינען מיר שוין נישט...

בינו לבינו ווייזט דער מאַנאָמעטער, אַז מיר זיינען נאָך טיפער געזונקען, אָבער מיר האָבן שוין אויפגעהערט זיך צו דרייען. איצט ליגן מיר פאָלשטענדיק רוהיק.

גיב איך ווידער אַן ענערגישן באַפעל זיך אויפצוהויבן. די פּאָמפּעס הויבן אָן צו אַרבעטן, אָבער דאָס וואַסער גייט נישט אַרויס פון די רעזערוואואַרן. מיט די פּאָמפּעס וועלן מיר שוין, אַלזאָ, גאָרנישט מאַכן.

מען מוז רוהיק באַטראַכטן די זאַך, ווייל אַנישט וועלן מיר אויך מאָרגן דאָ ליגן.

ענדלאַך, געלינגט עס דעם אינזשעניער צו צווינגען די פּאָמפּעס, זיי זאָלן אַרבעטן. מיט אַ טיפן ברומען הויבן זיי אָן אַרויסצושטויסן דאָס וואַסער פון די רעזערוואואַרן. ווי פאַרשטיינערט, הייגנען מיר מיט די אויגן אויפן מאַנאָמעטער. הוראַ, מיר שטייגן אַרויף! דער זייגער באַווייזט 49 מעטער טיף. אָבער צום טייוול, וואָס ווייטער? דער מאַנאָמעטער באַווייזט מיר פּלוצלונג 20 מעטער און דאַן ווידער 49 מעטער און דאַן ווידער 20 מעטער... טפו!

איצט ווערט שוין די זאַך קריטיש. מיר קוקן זיך איבער. אונזער גאַנצע חכמה העלפט אונז שוין נישט מער. מיר ווייסן לגמרי נישט, וואָס מיט אונז טוט זיך, מיר ווייסן אפילו נישט, ווי טיף מיר ליגן. די מאַנאָמעטערס זיינען משוגע געוואָרן...

אונזער לאַגע ווערט געפערלאַך, אָבער קיינער פון אונז פאַרלירט נישט דעם מוט און דעם פאַרשטאַנד. מיר ווייסן, אַז אין ערגסטן פאַל האָבן מיר נאָך געפּרעסטע לופט, וועלכע מוז אונז אַרויסוואַרפן אויפן שטח פון ים, אויב די פּאָמפּעס ווירקן נישט. אַזוי ווייט האַלט עס אָבער נאָך נישט. דער אינזשעניער האָט זיך פאַרטראַכט, דאַן האָט ער אַ דריק געטאָן אַ ווענטילאַטאָר: ס'הערט זיך אַ גערויש פון געפּרעסטער לופט. דער מאַנאָמעטער הויבט אָן ווילד צו אַרבעטן אויף 120 מעטער, דאַן שפּרינגט ער צוריק אויף 49 מעטער און... דער טראָפּן שמוץ, וואָס האָט געהאַט פאַרשטאָפּט דאָס רערל אין מאַנאָמעטער, איז, ענדלאַך, אַרויסגעשטויסן געוואָרן, אויך די פּאָמפּעס זיינען דורך דער געפּרעסטער לופט באַלד אַדורכגערייניקט געוואָרן פונם שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיי, בשעת די שיף האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט. די פּאָמפּעס זינגען שוין ווידער מיט זייער, אונז גוט באַקאַנטער שטימע, און אונזער שיף הויבט זיך געהאָרכזאַם, צו דער אויבערפלאַך פון ים.

אָנדערטהאַלבן שעה האָט געדויערט אונזער „דרייעניש" אינם דנאָזומפּ פון ים.

קאַפּיטאַן הינש איז אונטערגעקומען מיט זיין „טימינס“. ווי אַ שטיין — זאָגט ער — איז אים פון האַרצן אַראָפּ. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיר ליגן דאָרט אַזוי לאַנג אונטערן וואַסער. משמעות, מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מין גרוב, וואו דער באָדן איז באַשטאַנען פון שיטערן ליים און דאָס האָט געבראַכט אונזער שיף צום דרייען זיך און מיר האָבן זיך איינגעזונקען אין זומפּ אַלץ טיפער און טיפער. איך הייס, אַלזאָ, דעם „טימינס“ שטיין 3—4 וויאָרסט ווייט פון אונז, ער זאָל קאָנען זען נאָכאַמאָל, וויאַזוי מיר טונקען זיך אונטער — צום לעצטן מאָל אַ פּראָבע!

מיר ווילן, נעמלאַך, זיך האַלטן אַזוי, אַז אונזער זע-רער זאָל אַרויסקומען גלייך איבערן וואַסער. וואָרום אויב מען הויבט זיך אַרויס פון וואַסער מיט דער הילף פון די רודערס אַליין, שפּריצט אַרויס דאָס וואַסער פונם זע-רער, ווי אַ פאָנטאַן און אַז דער שונא זאָל דאָס באַמערקן, קאָן עס ווערן געפערלאַך.

מיר מאַכן דעריבער אַ פּראָבע אַרויפצוהויבן זיך פון אַ גרויסער טיפקייט נאָר מיט דער הילף פון אונזערע לופטפּאָמפּעס, באַוועגנדיק זיך אַרויף און אַראָפּ, ווי אַן אומרו, ביז די זע-רער בלייבט שטיין איבערן וואַסער אין אַ ווערטיקאַלער לאַגע.

די פּראָבע געלינגט אונז. מיר האָבן אַרויסגעשטעלט אונזער זע-רער אזוי, אַז אפילו דער „טימינס“ האָט דאָס נישט באַמערקט, כאָטש ער האָט געוואוסט, וואו מיר געפינען זיך. ערשט, ווען אונזער טורם איז אַרויסגעקראָכן פון וואַסער, האָט ער אונז דערזען.

איצט בין איך, אַלזאָ, זיכער, אַז מיר זיינען גוט צוגעגרייט אין אַ פאַל פון אַ סכנה און מיר קאָנען זיך דורכרייסן דורך דער פיינטלאַכער קייט אַזוי, אַז מען זאָל אונז נישט באַמערקן. פאָרן מיר גאַנץ רוהיק אין דער באַגלייטונג פון „טימינס“ און רעגולירן אונזער קורס אַזוי, אַז מיר זאָלן פאַרנאַכט זיך געפינען ביים אַרויסגאַנג פון די לעצטע ברעגשפּיצן.

קאַפּיטל צוועלף.

ס'איז שוין געווען נאַכט, ווען מיר זיינען נענטער צוגעקומען צום געפערלאַכן אָרט. פאַר אונז האָט זיך געזען דאָס פייערל פון אַ לייכטטורם. מיר פאָרן אָבער רוהיק ווייטער.

נאָר אָט האָבן פּלוצלונג ביים שיפדעק אַ בליץ געטאָן די שטראַלן פון צוויי פּראָזשעקטאָרן. די פאַרשאָלטענע שטראַלן גליטשן זיך איבערן וואַסער, שפּירן און זוכן. איך צייל אָפּ מעכאַניש אַ פּאָר סעקונדן, דאַן טרעפן אונז די ליכטשטראַלן גלייך אין די אויגן אַריין...

זיך אונטערצוטוקן איז שוין געווען צו שפּעט און פעסט האַלט זיך די פאַרעטערישע באַלייכטונג אויפן „או-דייטשלאַנד".

איך מיט מיין געהילף אין טורם קוקן זיך איבער: אין דער שיינער אומזיסטער אילומינאַציע קאָנען מיר איינער דעם אַנדערן דערקענען און זען, וואָס פאַר אַ זויערע מינע מיר מאַכן...

און דאָ זעען מיר, ווי די שטראַלן הויבן זיך אויף אינדערהויך, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיכער פעסטגעשטעלט, וואו מיר געפינען זיך. און אַז מיר האָבן ווידער פאַרזונקען מיט די בליקן אין דער פינסטערניש, האָבן מיר דערזען צוויי שוואַרצע דאַמפער, וועל-כע זעען אויס, ווי פישערשיפן.

פאַרשאָלטענע באַנדע!—האָט מיין געהילף אויסגערופן—זיי האָבן אונז פאַרראַטן!

און, ליידער, איז ער גערעכט געווען.

וואָרום באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ ריזיקער פּראָזשעקטאָר אין

דערהויך און ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר די איינגלישע קרייסערשיפן, וועלכע האָבן אונז אָפּגעוואָרט אויפן ים.

איך האָב מיר געטראַכט: נו, איצט איז די צייט געקומען!

—תּיכּף זיך אונטערטוקן!—האָב איך באַפוילן.

—גיין אויף 18 מעטער טיף צום דרום!—האָב איך ווידער אויסגערופן.

אַ האַלב שעה שפּעטער זיינען מיר ווידער אַרויפגעקומען אויפן וואַסער, ווייל איך האָב מיך געוואָלט אָריענטירן, וואו מיר געפינען זיך. אָבער ווי נאָר איך האָב זיך אַ סעקונדע אַרומגעקוקט, האָב איך ווידער באַפוילן זיך אונטערצוטונקען. ווייל סך הכל 200 מעטער קווער צו אונז איז געגאַנגען מיט דער גאַנצער קראַפט אַן אַמעריקאַנישער קרייסער און, נישט זעענדיק אונז, וואָלט ער אונז לייכט דערטרונקען. אויך ער האָט די סיגנאַלן געזען, און אָט איז ער געקומען אָפּצוהיטן די אומבאַרירלאַכקייט פון די אַמעריקאַנישע ימים, דען מיר זיינען נאָך נישט אַריבער די ים-גרעניץ. אַז מיין השערה איז געווען ריכטיק, האָב איך געקאָנט אַרויסזען דערפון, וואָס מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט זיך אין דער געגנט ביינאַכט אַרומגעדרייט אַן איינגלישער קרייסער, נישט האָבנדיק דערויף קיין שום רעכט.

מיר זיינען, אַלזאָ, ווידער געגאַנגען טיף אונטערן וואַסער און ערשט דאַן האָבן מיר זיך אויפגעהויבן צוריק, ווען דאָס גערויש פון דער אַמעריקאַנישער קריגסשיף איז פאַרפאַלן געוואָרן פון אונזער געהער. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר האַלטן איצט ביים געפערלאַכסטן מאָמענט פון אונזער נסיעה. מיר אָריענטירן זיך נאָכאַמאָל אין דער אַרומיקער געגנט און מאַכן די לעצטע הכנות אַדורכצורייסן זיך דורך דער פיינטלאַכער קייט.

מיר טונקען זיך אונטער און גייען פאָרויס אין דער העכסטער שפּאַנונג. די נערוון זיינען ביי אונז אָנגעשטריינגט ביז צום פּלאַצן; מיר שפּירן, ווי די האָר שטעלן זיך אונז קאַפּויר, אָבער אויסערלאַך זיינען מיר גאַנץ רוהיק און אונזער קאַלטבלוטיקע מיושבדיקייט פאַרלירן מיר נישט. מיר ווייסן, אַז איבער

אונז שוועבט אַ גרויסע געפֿאַר, אָבער מיר זיינען פעסט אַנט-שלאָסן אויסצומיידן זי.

דער וועג איז אונז גוט באַקאַנט. מיר האָבן שוין פריער באַ-מערקט, אַז מען האָט ביי די פישער געפועלט אויסצולייגן זייערע נעצן אויסער דער גרעניץ, וועלכע ציט זיך אַ וויאָרסט 5 אין דער ברייט. אין דידאָזיקע נעצן דאַרפן מיר זיך פאַרפּלאָנטערן; מעגלאַך, אַז אין זיי זיינען איינגעפלאָכטן אויך פאַרדאָרבענע מינעס... מעגלאַך אָבער, אַז צו די נעצן זיינען צוגעבונדן פעס-לאַך מיט לאַמטערנעס, און אַז מיר וועלן גיין ווייטער, וועלן מיר שלעפן מיט זיך דידאָזיקע לאַמטערנעס און אַזויאַרום אויס-געבן דעם אָרט, וואו מיר געפינען זיך. מיר האָבן אויף יעדן פאַל זיך קלאָר געמאַכט די לאַגע, כדי צו קאָנען זיך באַפרייען פון די נעצן. אָבער אַלץ איז אַדורכגעגאַנגען בשלום.

ס'איז געווען אַ פינסטערע נאַכט. רוהיק און פרידלאַך האָבן זיך געלויכטן אינדערווייטן די פייערלאַך פון די לייכטטורמס אויף די יבשהשפיצן. אויף אונז האָט אָבער געלויערט אַ זיכע-רער טויט אַ וויאָרסט 5—6 ווייטער.

אָבער אין דער צייט, ווען די איינגלישע קרייסערס זיינען זיך אַרומגעפאָרן אין יעדער ריכטונג און באַלויכטן דעם ים מיט זייערע פּראָזשעקטאָרן און געזוכט און גענישטערט צווישן די לייכטע כוואַליעס, האָבן זיי דאָך נישט געוואוסט, אַז צווישן די שאָטנס פון זייערע פּראָזשעקטאָרן ליגט אויפן וואַסער אַ זע-רער פון אונ-זער שיף און, אַז מיר גייען זיך רוהיק און געלאַסן אונטערן וואַסער.

אַ זייגער צוועלף, ביינאַכט נאָך אַן אומבאַשרייבלאַכער שפּאַנונג, האָב איך, ענדלאַך, אָפּגעגעבן אַ באַפעל:

—פון וואַסער אַרויס!

מיר האָבן זיך אַדורכגעריסן!

לאַנגזאַם האָט „או-דייטשלאַנד" זיך אויפגעהויבן פון אונטערן וואַסער. די רעזערוואוואַרן האָבן זיך באַפרייט, די איילמאַשינעס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן צו דער אַרבעט. מיט דער גרעסטער

קראַפּט קומען מיר אַריין אין פרייען אַטלאַנטישן ים, בשעת הינ-
טער אונז דרייען זיך נאָך אַרום גרויסע מחנות פון די פיינט-
לאַכע שיפן און באַלייכטן דאָס וואַסער מיט זייערע פּראָזשעק-
טאָרן און זוכן אונז אויף יעדן וואַסערוויאָרסט. משמעות, זיי
זיינען סוף-כל-סוף געוואָרן נערוועז!

קאַפּיטל דרייצען.

אַזוי שנעל איז „או-דייטשלאַנד‟ נאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען, ווי יענעם פרימאָרגן, דעם 3-טן אויגוסט. מיט אַ מוראדיקן אימפּעט איז זי געלאָפן פאָרויס, איבערלאָזנדיק הינטער זיך צוויי ברייטע שוימיקע שטראָמען. די מאַשינעס האָבן געאַרבעט אין טאַקט, דאָס אייל האָט געבּרענט רעגלמעסיק, נישט אַרויסגעלאָזט פון זיך קיין שטרייכעלע רויך, צו דער גרעסטער צופרידנהייט פון אינזשעניער קיסלענג, וועלכער האָט שיער נישט געקושט זיינע מאָטאָרן פון גרויס ליבשאַפט.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, זיינען די ברעגן פון אַמעריקע לאַנג פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונזערע אויגן און ווייט אַרום האָט מען קיין איינציקע שיף נישט געזען. מיר זיינען ווייטער געלאָפן אויפן וואַסער, ווי די פאַרסמטע טייוולאָנים. אָ, וויפיל דאַנקען זיינען מיר שולדיק אונזערע אויסגעצייכנטע מאַשינעס! ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין באַלטימאָרע נאָך אַ שווערער און לאַנגער נסיעה, האָבן זיי זיך אַלע געפונען אין בעסטן צושטאַנד, כאָטש לאָז זיך תיכף צוריק אין וועג אַריין אָן אַ שום רעפּעראַציע, כאָטש ס׳איז זיי אויסגעקומען גאַנץ אָפט צו אַרבעטן ביי אומגעוויינלאַך שווערע באַדינגונגען אין דער שרעקלאַכער היץ פון גאָלף-שטראָם און אַנדערע אומשטענדן, וועלכע מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאָרויסזען. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז ביז איצט האָט נאָך קיינער נישט געמאַכט אַזאַ מין עקספּערימענט, צו לאָזן ברענען איילמאָטאָרן ביי אַ טעמפּעראַטור פון

53 גראַד היץ. אַזאַ פאַל האָט, פאַרשטייט זיך, קיינער נישט גע־קאָנט פאָרויסזען, און אויב די קאָנסטרוקציע האָט פונקציאָנירט אויך ביי אַזעלכע באַדינגונגען, איז דאָס נאָר אַ באַווייז, מיט וואָס פאַר אַ זעלטענער פולקומענהייט זי האָט זיך אויסגעצייכנט.

אָט אַזוי זיינען מיר זיך פייל פון בויגן געלאָפן ווייטער, ביז מיר האָבן באַלד דערשפירט די נאָנטע פייכטקייט פון גאָלף־שטראָם און זיין הייסע אַטמאָספערע. דער גאָלף־שטראָם האָט זיך אונז ווידער באַוויזן מיט אַלע זיינע שיינע מעלות—מיט דער אומדער־טרעגלאַכער היץ, מיט דער פייכטקייט, מיט דער לופט, וואָס איז אָנגעזאַפט מיט עלעקטריע, מיט די הויכע כוואַליעס אויפן ים און מיט אונזערע פאַרמאַכטע עפענונגען אין שיף. און צו דעם אַלעם האָט אונז דער שטראָם אַפילו נישט מיטגעהאָלפן צו גיין שנעלער, ווי מיר האָבן געהאָפט.
דאָסמאָל אָבער האָבן מיר אַלע שוועריקייטן אַריבערגעטראָגן אין אַ גוטער לוינע, דען מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר גייען אַהיים. אויך די כוואַליעס זיינען אָפּגעפאַלן, וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענט צו דער גרעניץ פונם גאָלף־שטראָם.
אין אָוונט, דעם צווייטן טאָג, איז שוין ווידער געווען מעגלאַך צו עפענען אַלע לעכער אויפן דעק. אָבער ווי נאָר מיר האָבן זיך עטוואָס דערקוויקט מיט דער פרישער לופט, האָב איך פלוצ־לונג געמוזט געבן אַ באַפעל:
—פאַרמאַכן אַלע עפענונגען און זיך אונטערטוקן!
עס האָט זיך באַוויזן אַ דאַמפער, וואָס איז אַזוי שנעל אונטער־געקומען צו אונז, אַז מיר האָבן אים בשום אופן נישט געקאָנט אויסמיידן אין וועג. ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אָן אונזער שיף און וואָלט זי דערטרונקען.
ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון וואַסער אין אַ שעה אַרום, איז שוין געווען נאַכט, און מיר האָבן דאָ דערלעבט צו זען איינע פון יענע פאַנטאַסטישע דערשיינונגען, וועלכע מען זעט נישט אָפט—אַ ים־אילומינאַציע, וואָס האָט אונז ממש פאַרכשופט מיט איר פראַכט.

מיר זיינען פריער אַראָפּ אין דער טיפעניש בײַ אַ טונקלן וואַ־סער. איצט זיינען מיר אַרויפגעשוואומען צוריק אין אַ פאַרכשופטן ים.

דער ים האָט געלויכטן אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב עס נאָך קיינמאָל נישט געזען. דאָס קאָן נאָר אפשר מעגלאַך זיין בײַ דער גרעניץ פון גאָלף־שטראָם. ווען מיר האָבן, ביים אַרויפהויבן זיך פון וואַסער, געהאַלטן בײַ אַ פיר מעטער די טיף, האָט זיך אונז געדאַכט, אַז מיר גייען דורך אַ פייערדיקער מאַסע. איך האָב פון מיין טורם אַ קוק געטאָן אויף דער שיף, איידער זי האָט זיך אויפגעהויבן אינגאַנצן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זע אַ פינסטערע מאַסע זיך באַוועגן אין אַ ים צושמאָלצע־נעם גאָלד. די שרויפן פון דער שיף האָבן דורך זייער באַווע־גונג פאַנאַנדערגעשליידערט פלאַמען פייער און די גאַנצע שיף האָט אַרויסגערופן אין ים מאַסן פאָספאָר־בליצן, מיליאָנען פונקען פון זעלטענער שיינקייט.

אויפן ים האָט זיך אויפגעהויבן אַ פריש ווינטל. עס האָבן גענו־מען גיין כוואַליעס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי פייערדיקע בערג. אויפן דעק פון שיף האָט עס פשוט געגלאַנצט מיט גאָלד. וואוהין דאָס אויג האָט זיך נאָר אַ קער געטאָן, האָט עס געזען אַ באַ־וועגונג פון פלאַמען פייער, אַ מין קאַלכאָויזן, וואָס דורך זיינע פלאַמען האָט אונזער שיף זיך דורכגעשניטן אַ וועג.

ווי באַצויבערט זיינען מיר געשטאַנען און געקוקט. אַז דער ווינט און די כוואַליעס האָבן זיך געשטאַרקט, איז די דערשיינונג גע־וואָרן נאָך שענער, נאָך דערהויבענער.

אַלע מיינע לייט, וועלכע זיינען געווען פריי פון דער וואַך, זיי־נען אַרויף אויפן דעק, צו זען דאָס פאַנטאַסטישע בילד. נישט־געקוקט אויף די כוואַליעס, וואָס האָבן פאַרגאָסן דעם דעק, האָט קיינער זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון ים. אייניקע פון אונז זיינען שוין געווען אַדורכגענעצט ביז די ביינער, אָבער קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

—דאַכט זיך פייער, אָבער די לולקע פאַרלעשט עס!—האָט אויס־געדופן אונזער ריזיקער הומקע, בײַ וועלכן די פייער־כוואַליעס

האָבן שוין צום דריטן מאָל פאַרלאָשן די לולקע, האָט ער די לולקע אַריינגעשטעקט אין קעשענע, זיך געשיידט מיט איר, כאָטש ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלאַכער רויכערער. דאָס בילד איז געווען אַזוי שיין און אַזוי געהויבן, אַז אַפילו הומקע האָט בעסער געוואָלט נישט רויכערן, אַבי נאָר צו שטיין און קוקן.

אָבער דאָס „פייער" האָט זיך ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צו לעשן, און לסוף בין איך אַליין געבליבן מיט מיין געהילף אויפן דעק.

ווען מיר זיינען אַרויסגעקומען פון גאָלף-שטראָם, האָבן מיר געהאַט עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד אַ שטאַרקן צפון-מערב-ווינט און כוואַליעס. ענדלאַך, האָבן מיר דערלעבט אַ שיין וועטער. אין איינעם פון יענע אָוונטן איז דער אָפּיציר קראַפּאַל מיטן מאַטראָז הומקע געשטאַנען אויפן טורם און אָבסערווירט דעם . וייטן האָריזאָנט.

—פייער זעט זיך,—האָט הומקע פּלוצלונג דערקלערט.

—דעמדאָזיקן שטערן האָב אויך איך באַמערקט,—האָט דער אָפּיציר רוהיק געענטפערט.

—יאָ, כ'ווייס נישט, הער קראַפּאַל, אָבער קיין שטערן איז דאָס נישט,—האָט הומקע באַמערקט.

מען האָט מיר געמאָלדן וועגן דעם, איך בין תיכף אַרויף אויפן טורם, גענומען די שפּאַקטיוו, אַ קוק געטאָן דערין און זיך צעלאַכט:

—הער הומקע, איר האָט אַ טעות!

איך האָבווירקלאַך געזען עפּיס אַ פייער, אָבער עס איז געשטאַנען אַזוי הויך, אַז קיין שיף האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט זיין.

דער מאַטראָז איז זיך געבליבן רוהיק ביי זיין מיינונג.

—הער קאַפּיטאַן, דאָס איז נישט קיין שטערן!

האָב איך אים געגעבן די שפּאַקטיוו, ער אָבער האָט זי מיר באַלד צוריקגעגעבן:

—מיט אַזאַ מאַשינדל קאָן איך נישט זען אָרנטלאַך...

דאַן האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, ווי אַ קאַץ, נאָכאַמאָל שאַרף אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

—ס'איז דאָך אָבער פּאָרט אַ פייער און נישט קיין שטערן!

האָבן מיר זיך ווידער גענומען באַאָבאַכטן, ביז איך האָב אַליין איינגעזען אין שפּאַקטיוו, אַז נעבן דעם ווייסן פייער וואַקלט זיך אויך עפּיס אַ רויטער שיין. איצט האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז אַ שיף קומט אונז אַנטקעגן.

תּחילת האָב איך עס געהאַלטן פאַר אַ קליין שיפל, באַלד אָבער איז מיר קשה געוואָרן, פאַרוואָס ענדערט זיך אַזוי געשווינד דער מרחק צווישן ביידע פייערן. צי באַווייזט דאָס נישט, אַז די שיף גייט זייער שנעל צו אונז?

און בשעת איך בין אַזוי געשטאַנען פאַרטראַכט און די פאַנטאַזיע האָט מיר שוין געמאָלט אַ קריגסשיף מיט האַרמאַטן, האָב איך פּלוצלונג אַנטדעקט הינטער ביידע פייערן עפּיס אַ ווייס-באַוועגלאַכן שיין, ווי אַ שוואַך באַלויכטענע כוואַליע.

וואָס קאָן דאָס זיין? צי איז עס נישט די באַלייכטונג פון די לאַמטערנעס, וואָס שיינט אָפּ אויפן וואַסער? איך האָב נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אין שפּאַקטיוו און האָב מיך טאַקי כּהרף-עין איבערצייגט, אַז עס גייט זייער אַ גרויסע שיף מיט אַזוינע שטאַרקע לאַמטערנעס, אַז זייער שיין באַלייכט דעם ים.

האָבן מיר געקוקט נאָך אַ ווײַלע און דאַן האָבן מיר אַנטדעקט פיר גרויסע קוימענס. פאַר אונז איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דאָס גייט אַ גרויסע קריגסשיף, וואָס האָט בכיון פאַרלאָשן זירע לאַמטערנעס און בלויז צוויי איבערגעלאָזט.

—מיט דער גרעסטער קראַפט פאָרויס!—האָב איך תּיכף באַפוילן, כּדי אויסצומיידן דעם קורס פון דער גרויסער שיף און פאַרביי-גיין אָן דער זייט. מיינע פרייע לייט זיינען אַלע אַרויף אויפן דעק, צו באַאָבאַכטן דאָס אינטערעסאַנטע בילד אין דער פינ-סטערער נאַכט.

אין די נאָענטסטע טעג האָבן מיר קיין שיפן נישט באַגעגנט, עס איז געווען אַ שיין וועטער, און אונז האָט זיך טיילמאָל געדאַכט, אַז מיר מאַכן אַ לוסטרייזע. אין שיף שפּילט דער גראַמאָפאָן, עס

איז לוסטיק, לעבעדיק. מיר זעצן זיך צום טיש עסן, ווי אויף אַ חתונה—מיט מוזיק.

טיילמאָל פלעגן מיר זיך אַראָפּלאָזן זייער טיף אין ים. דאָרט פלעגן מיר זיך גיין זאַכט און רוהיק, אין זאַל האָט בעת־מעשה געשפּילט דער גראַמאָפאָן און מיר האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין מיט אַ גוטער פלאַש ווײַן. גאָר ווי אין זשול ווערנס פאַנטאַסטישער רייזע מיטן אונטערוואַסערשיף איבער אַלע ימים!

די רייזע אַהיים גייט אַלץ פאָרויס. דאָס וועטער איז אָפט גאַנץ שיין. דערזעען מיר אַ דאַמפער אינדערווייטן, לאָזן מיר זיך תיכף אַראָפּ טיף אין ים, אָדער, אויב דאָס איז מעגלאַך, מיידן מיר זי אויס מיט אַ זייטיקן וועג. איינמאָל, נאָכמיטאָג-צייט, בין איך געזעסן ביי מיין אַרבעטסטיש, אין קאַבינעט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ באַפעל אין דער צענטראַלע, צו גיין פּאָרזיכטיק. איך בין באַלד אַרויף אויפן דעק און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אַ וואונדערלאַך בילד: אַרום אויפן ים, ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן, האָב איך געזען שווימען פעסער מיט אייל, דורך וועלכע מיר האָבן געמוזט קונציק אַדורכגיין, כדי נישט אָנצושטויסן זיך מיט זיי.

אָבער אין ערשטן מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז די זאַך איז נישט אַזוי גאַנץ איינפאַך, דען איך האָב זיך געשראָקן, צי זיינען עס נישט קיין מינעס. ערשט, ווען איך האָב דערזען די שפּורן פון אייל אויפן וואַסער, האָב איך זיך באַרוהיקט. מען האָט אָבער באַדאַרפט זיין פּאָרזיכטיק, ווייל דער גאַנצער שטח פון ים איז אודאי געווען באַדעקט מיט עטלאַכע טויזנט פעסער.

—פאַר אונז איז דאָס אַ גוטע איבונג,—האָט מיין געהילף געזאָגט.— מיר וועלן אַזויאַרום זיך אויסלערנען שפּעטער צו גיין אויפן ים דורך די איינגלישע מינען-פעלדער. מיר וועלן זיך אָבער אַזוי קונציק דורכשלייגלען, אַז דערנאָך וועלן מיר קאָנען גאַנץ לייכט זיך אַדורכרייסן אַפילו דורך די מינעס אין איינגלישן קאַנאַל.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין מיט האַלבער קראַפט צווישן די פּעסער און דאָס האָט זיך געצויגן לערן אַ שעה צייט. מיר האָבן אויך געזען אין וועג טיילן פון אַ צובראָכענער שיף און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ דאַמפּער איז דאָ אויפגעריסן געוואָרן.

מיר קומען, ענדלאַך, נעענטער צו די איינגלישע וואַכפּאָסטנס. מיר ווערן, נאַטירלאַך, פאָרזיכטיקער. יעדערער שטייט אויף זיין אָרט און מיר זיינען גרייט אַליינדע מיגוט זיך אונטערצוטוקן. מיר זעען גאַנץ אָפט שיפן אויפן וועג און מיר מיידן זיי אויס דורכן ענדערן דעם קורס, אָדער מיר אונטערטוקן זיך. מיר האָבן אויך געזען אַן איינגלישן קרייסער, אָבער מיר האָבן זיך שנעל אונטערגעטוקט, און ער האָט אונז אַפילו נישט באַמערקט. ווען מיר האָבן ווידער געוואָלט זיך אַרויפהויבן אויפן וואַסער, האָבן מיר פון עלף מעטער אונטערן וואַסער ווידעראַמאָל דערזען דורכן זע-רער אַן איינגלישן קרייסער. האָבן מיר זיך פון דאָסניי אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפעניש פון 20 מעטער. אַזאַ פאַל איז פאָרגעקומען דריי מאָל איינס נאָך דעם אַנדערן.
ענדלאַך, נאָכמיטאָג-צייט זיינען מיר אַרויס צוריק אויפן וואַסער, באַפרייט אונזערע רעזערוואַרן, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט דער גרעסטער קראַפט און שנעלקייט.
דאָס וועטער איז געווען שיין, און מיר האָבן זיך שנעל דערנענט צו אונזער ציל. אין אַ געוויסן טאָג, אַ זייגער אַכט פאַרנאַכט האָבן מיר דערזען, ווי דער גאַנצער האָריזאָנט איז באַלויכטן מיט ווייסע פייערלאַך.
ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך באַלד געפרעגט, צי איז עס נישט אַמאָל די שמירה, וואָס מען האָט אויסגעשטעלט געגן אונז. דידאָזיקע פייערלאַך האָבן זיך געזען פון אַלע זייטן. זאָלן מיר טאַקע דאָ, אידערנאָנט פון אונזער היים, אַריינפאַלן דער פיינט אין די הענט אַריין? אָבער ס'איז נאָך געווען גענוג ליכטיק, און מיר האָבן באַלד דערקענט, אַז דאָס זיינען האָלענדישע שיפלאַך פון הערינגפאַנגער.

קאַפּיטל פערצן.

א גינסטיקער ווינט האָט אונז געטריבן אַהיים־צו. איינמאָל אינ־דערפרי איז ביי אונז אַלאַרמירט געוואָרן: אינדערווייטנס איז באַמערקט געוואָרן עפּיס אַ זעגל פון אַ שיף, אָבער פון אַ מערק־ווירדיקער פאָרם. צוגעקומען עטוואָס נענטער, האָבן מיר דערזען, אַז דאָס איז נישט קיין זעגל, נאָר אַ טורם פון אַן אונטערוואַ־סערשיפל, וואָס איז זיך געגאַנגען מיטן אויבערשטן דעק האַרט אין וואַסער. מיר האָבן באַשלאָסן גרינדלאַכער נאָכצוקוקן, צי האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַן איינגלישע אָדער אַ דייטשע שיף. אויף יעדן פאַל האָבן מיר זיך געגעבן די מי, אַז יענער זאָל אונז נישט באַמערקן און אַז אין לעצטן מאָמענט זאָלן מיר קאָ־נען פאַרשווינדן אונטערן וואַסער.

מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעפילט דריי רעזערוואואַרן מיט וואַ־סער, גרייט זיך אונטערצוטוקן; אונזער דעק איז שוין געלעגן אונטערן וואַסער, און דער טורם איז שוין אויך ביז אַ העלפט געזונקען אין די ים־כוואַליעס. פּלוצלונג אָבער האָט זיך דער־הערט אַ סיגנאַל, וועלכער איז אונז גוט באַקאַנט געווען און מיר האָבן זיך באַלד איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ דייטשע אונטער־וואַסערשיף.

מיר האָבן תיכף געענטפערט מיט אַ סיגנאַל און באַלד דערויף האָב איך באַפוילן:

—אויסליידיקן די רעזערוואואַרן!

מיט אַזאַ פרייליכן האַרצן האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געגעבן

קיין באַפעל אויף מיין שיף און אויך אַזוי פריילאַך האָט מען אים נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפירט, ווי דאָסמאָל, ווען איך האָב דורך מיין רופּאָר אַריינגעשריען אין דער צענטראַלע:

—הוראַ, מיר זעען די ערשטע דייטשע אונטערוואַסערשיף!

מיר זיינען געשטאַנען אויפן טורם איינגעשמירט פון קאָפּ ביז די פיס אין אייל און באַגאָסן מיט ים-וואַסער, אָבער וועמען קימערט דאָס?... דאָרט אויפן גרינעם צפון-ים דערנענטערט זיך צו אונז דער ערשטער גרוס פון דערהיים. מאַרש פּאָרויס מיט דער גרעסטער קראַפט! אַלע זיינען אַרויפגעלאָפן אויפן דעק. באַלד שטייען ביידע אונטערוואַסערשיפן געגן איינאַנדער אַזוי, אַז מען קאָן זיך צונויפריידן.

—הוראַ!

—הוראַ!

ס'קלינגט און רעשט פון ביידע זייטן, מען גיט זיך איבער גרוסן, מען ווינשט זיך אַ „גוטן טאָג", און יעדערער גייט זיך נאָכדעם ווידער זיין וועג: מיר—אַהיים, די אונטערוואַסערשיף פון קריגס-פלאָט—צו איר אַרבעט...

די זון זעצט זיך, ס'ווערט ווידער נאַכט. מיר פאָרן ווייטער אָן באַלייכטונג אויפן דעק, אָן באַלייכטונג אין טורם, ווי אַ נאַכט-שאָטן שוועבן מיר.

אָבער אויף צומאָרגנס, אינדערפרי, ווען די זון האָט זיך באַוויזן, האָבן מיר אינדערווייטן דערזען אַ כאַראַקטעריסטישע שאָטן-געשטאַלט, וואָס האָט מיט אַ רויטלאַכן שיין אַדורכגעשניטן דעם נעבל. דאָס איז געווען אַן אינזל—אַ פעסטונג אינמיטן ים, די דייטשע אינזל העלהאָלאַנד איז געלעגן פאַר אונז.

באַלד איז געוואָרן לעבעדיקער אויפן וואַסער. ס'האָבן זיך באַוויזן טאָרפּעדאָ-שיפן, דאַמפּערס פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס. אינדערהויך האָבן זיך באַוויזן פאָן-סיגנאַלן, ס'האָט אָנגעהויבן אַרבעטן דער פונקען-טעלעגראַף, מען ווינקט אונז, מען גריסט אונז. אַרום אונזער קליינעם שיפל שליסט זיך אַ רינג פון גרויסע דייטשע שיפן פון קריגס-פלאָט, וואָס שטייען דאָ אויף דער וואַך. אונטער זייער שמירה און באַשיצונג דערנענטערן מיר זיך

צו דער אינזל העלהאָלאַנד, וועלכע מיר גייען באַלד פאַרביי, איילנדיק אַהיים.

אָבער נאָך איידער מיר זיינען געקומען אַהיים, האָבן מיר גע־האַט אַן אייגנאַרטיקע באַגריסונג. פון דער יבשה האָבן זיך אויפ־געהויבן צוויי גרויסע אייזערנע פייגל אינדערלופטן. זיי האָבן זיך געדרייט איבער אונז, ווי צוויי וואַסערפייגל, נאָכדעם זיך אַראָפּגעלאָזט כמעט האַרט אויפן וואַסער און זיינען זיך געפלויגן גלייך מיט אונז. דאַן האָבן זיי ווידער זיך אַ קער געטאָן, ווי־דעראַמאָל אַרונטערגעשפּרונגען, כמעט באַרירט אונזער טורם און פאַרשוואונדן אינדערלופטן מיט אַ הויכן הוראַ־געשריי...

אָט דאָס איז געווען דער ערשטער קבלת־פּנים אין דער לאַנ־גער און שווערער רייזע אונטערן וואַסער פון אייראָפּע קיין אַמעריקע און צוריק.

אַז מיר האָבן זיך דערנענט צו די היימישע ברעגן, האָבן זיך, נאַטירלאַך, אָנגעהויבן באַגריסונגען און שמחות. אָבער דאָס מוז מען איבערלעבן, מיט ווערטער קאָן מען עס נישט איבערגעבן: די שפּראַך איז צו אָרים. נישט אַלעמאָל קאָן דאָך די שפּראַך באמת אויסדריקן אַלץ, וואָס אַ מענטשנס האַרץ פילט, נאָכדעם ווי ס'האָט, נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער צייט, ווידער באַקומען די מעגלאַכקייט צו אָטעמען מיט דער היימישער לופט...

„יוגנט־ביבליאָטעק“

אונטער דער רעדאַקציע פון ד. קאַסעל.

בּישטאָ אין יידיש קיין ביכער פאר דער יוגנט. מיר האָבן איר ביז אהער געגעבן צו לייענען דאָס נויטיקע בוך. די „יוגנט־ביבליאָטעק“ פונם ילאַג ב. שימין“ מאכט די ערשטע פּראָבע דערצו. איר ציל איז — צו געבן יוגנט א שיין בוך סיי אויסערלאך און סיי אינערלאך.

די „יוגנט־ביבליאָטעק“ באשטייט פון צוויי אָפּטיילונגען:
א בעלעטריסטישע און א וויסנשאַפטלאכע.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג זיינען שוין דערשינען די פאָלגנדיקע ביכער:

אַם לאָנג — אין די ווייסע צפון־וועלדער.

ן העדין — פון פּאָל צו פּאָל.

יאַלמאַר יאָהאַנסען — אין נאַכט און שניי.

פ. קעניג — אויפ'ן גרונט פון ים.

קירצלאך דערשיינען די פאָלגנדיקע ביכער:

ריד — וואַלדקינדער.

ריד — אין דער מלוכה פון פייער.

ריד — מיט א שיף איבער דער גאנצער וועלט.

ובאַקין — דאָרט, וואו ווילדע וואויגען.

נ. רובאַקין — אויף אן איינזאמער אינזעל.

ג. נ. פּאָטאַנין — כינע און טיבעט.

י. אַמונדסען — עק־וועלט.

ר. קאַרין — צווישן קירגיזן און טורקמענער.

ק. קופּער — דער לעצטער מאָהי־קאַנער.

עס איז א כלל, אז דאָס בוך, וואָס איז גוט פאר דערוואַקסענע, אין ט גוט פאר דער יוגנט, אָבער דאָס בוך, וואָס איז גוט פאר דער יוגנט אויך גוט פאר דערוואַקסענע.

אין דער וויסנשאַפטלאכער אָפּטיילונג דערשיינען אינגיכן די פאָלגנ־גע ביכער:

נעטשאַיעוו — די אונטערערדישע כוחות.

ג — וואָס איז די זון.

ליין — די ערד.

ניקאָלסקי — זומערנסיעות פון א נאטוראַליסט.

דאָקטאָר האַסאַן — אַלזשיר און זאהארע.

ק. פלאַמאַריאָן — פּאָפּולערע אַסטראָנאָמיע.

י. שעפּערד — שמועסן וועגן געשלעכטסלעבן.

עס ווערט אויך צוגעגרייט א זאָאָלאָגישע כרעסטאָמאַטיע.